# בית יעקב

ליטעראַרישער פאַמיליען-זשורנאַל

יאָרגאַנג 8

ארגאן פאר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און ארגאניזאציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאקטאר: א. ג. פרידמאן

נומער 65 66

— דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק —

ב״ה, לאָדזש פרייטיק פ' תצוה י' אדר תרצ״א — Łódź Marzec 1931


# ביים פרישן קבר פון ר' אלי' קירשבּרוין ז״ל

אַנהייב היינטיקער וואך האט מען מלוה געווען צו זיין אייביקער מנוחה דעם געטרייסטן כלל-ישראל פארטיידיקער, דעם חשובסטן יידישן דיפלאמאט און גרויסן פאליטיקער און ועל כולם דעם באליבטן אגודה-פירער ר' אלי' קירשבּרוין ז״ל.

דער צער פון דער גרויסער שרעקלעכער אבידה וועט זיך לאַנג לאַנג שפירן אין דער ארטאדאקסישער וועלט. ווייל זייער זעלטן פאָרן זיך צונויף אַלע מעלות און נטיות אין איין מענטש, ווי עס איז געווען דער פאַל ביי דעם חשובן נפטר.

כדאי צו דערמאנען זיין ערלעכער קנאות פאַרן רעיון-האגודה. נישט איינמאָל האט אַרויסגירופן זיין פאַראל: 100-פּראצענטיקער אגודיזם! ריינע און טיף-האַרציקע הרגשות. אונדזערע כתנגדים, וועלכע האבן מיט ווייטיקער קנאה אין האַרצן נישט געקאנט פאַרגינען דער אגודה אַזאַ טעמפעראַמענטפולן קאנסעקווענטן און קלוגן פאליטיקער. האבן פון אט דער פאַראל געפרואווט אָפּחוזק-ן, אבער ר' אלי' קירשבּרוין ז״ל האט דאָס נישט בלויז געזאָגט מיטן מויל, נאר טאַקע בלב ונפש געקעמפט פאַר דער ריינער אַגודיסטישער שיטה אין ברייטסטן פאַרנעם, סיי כלפי פנים סיי כלפי חוץ און דריבער, האט דער נפטר אפילו ביי די געגנער געמוזט אַרויסרופן דעם גרעכטן יראת-הכבוד.

פון דעם גרויסן כּרויער אין די רעגירונג - ספערן אין די אפיציעלע ערקלערונג פון די מלוכה - פירער, אַז דער בריוו פונים נפטר צום מאַרשאַל פילסודסקי, וואו ס-זענען אַרויסגעזאָגט געווארן די פאַרלאַנגען פאַר יידן פון דער מלוכה, זענען אַ פאליטישע צוואה וואָס די רעגירונג וועט דערפילן. דערפון, פאַרשטאַרקט זיך די הכּרה ווי גרויס עס האט געמוזט זיין דעם נפטר-ס יראת ה'. אונדזערע חכמים זאָגן: כל מי שיש בו יראת שמים, דבריו נשמעים (ווער ס-האט יראת ה' הערט מען זיך צו צו זיינע רייד). יאָ, אַנדערש קאָן עס נישט זיין. נאר ווען ס-איז דער „וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך״ דעמלט קומט אויך דער „ויראו ממך״...

די יידישע צרות וואָס זענען אַזוי פול ווי דאָס וואַסער אינים ים, און באַזונדער דער שפל המצב פונים יידישקייט, האט דעם נפטר-ס הייס-יידישע האַרץ נאך אַ פּאר יאָר כלל-ארבייט קראַנק געמאַכט. אלס שליח-צבור פונים ליידנדן יידישן פאלק און פון נאָך דעם שווערסטן ליידנסטן יידישן עלעמענט, פונים רעליגיעזן יידנטום, איז דעם נפטר-ס קראַנקהייט געבליבן אומהיילבאַר. במשך זיין זעקס-יעריקער קראַנקהייט האט דער יידישער מצב אַלץ כסדר זיך פאַרערגערט. אי מאַטעריעל, אי גייסטיק און צו גלייך דערמיט זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ אַלץ שוואַכער און שוואַכער געמאַכט ביז די כוחות האבן אים פאַרלאזט און זיין גרויסע יידישער נשמה האט זיך אָפּגעזעגנט מיט-ן שווערן קראַנקן און פון יידישע צרות אויסגעמאַטערטן גוף. ר' אלי' קירשבּרוין ז״ל לעבט נישט מער. מיר באַוויינען בדמעות שליש די פטירה פון אונדזער שטאלצן מוטיקן פארקעמפער. אבער דערמיט זענען מיר נישט יוצא. פאַר דער גאַנצער אגודיסטישער משפחה און באַזונדער פאַר די וואָס שטייען אויף די פאסטנס פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן, נישט קיין חילוק אויף וואָס פאַראַ געביט עס איז דאַרף דער גרויסער נפטר, זיין ענערגיע, זיין עקשנות, זיין מסירת הנפש, זיינע גראַנדיעזע עובדות זיין פאַר אונדז אַ גרויסער לימוד.



ר' אלי' קירשבּרוין ז״ל

פאַר דעם פרישן קבר פון דעם יינג-פאַרשטארבינם מוסטער-מנהיג פון רעליגיעזן יידנטום, מוזן מיר פאַלייגן אַ שבועה צו זיין וואַך אויף אונדזערע פאזיציעס, דער עיקר מיט דערזעלבער מאָס ענערגיע, און וואָס עס נייטיקט זיך, כדי אונדזער אגודיסטיש לעבן אויסצובויען!

אזויערנאָך ווען מיר פאַראייביקן דעם אַנדענק פון זיין נאָמען און אין דער אגודיסטישער וועלט וועט ר' אלי' קירשבּרוין ז״ל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן!

# די סדרה תצוה

פון **שרה שענירער**

**ואתה** תצוה... „און דו זאלסט באפעלן די בני ישראל, זיי זאלן נעמין ריינים גישטויסינים בוימל, צו לייכטן אינים נר תמיד" — שוין דער פסוק דערוועקט אין אונדז זייער וויכטיקע גידאנקן:

„ואתה" — נאר דו משה האסט דאס רעכט צו באפעלן אנצוצינדן דאס שטענדיקע ליכט, דעם נר תמיד. נאר דו משה, וואס האסט גיברענגט דאס גייסטיקע ליכט דעם פאלק ישראל, טאקע דו ווייז ווי אויפצופלאקערן דעם סימבאל פון יידישן ליכט, דעם נר תמיד.

„את בני ישראל" יא, די קינדער פון ישראל, דארפן זיך פאר-זארגן מיט ליכט, מיטן אור פון זער הייליקער תורה, די תורה איז נישט בלויז פאר כהנים גיגעבן. אלע בני ישראל דארפן שטראלן פון דער גייסטיקער ליכטיקייט. דאס אלטעגליכע לעבן איז גרוי און מיט חשבות פארשטעלט. שיינט אבער אריין אין פנימיות פונים יוד-ס נשמה. דאס ליכט פון יידישן גייסט, גיפינט דער ייד זיין ריכטיקן לעבנס וועג און דערקענין זיך.

דער פלאם פון אהבת און יראת השם, דערוואַרימט און צוגליט דעם ייד-ס הארץ און פארלענגט גליכצייטיק מיטן שורש. אלע ורעמדע ליידנשאפטן, די אהבה און יראה, דארף אבער תמיד זלאקערן אינים גאנצן מהות פון יעדן יידישן נפש, ווי עס שטייט „אש תמיד תוקד על המזבח, לא תכבה" — דאס באַ-גייסטערטע פייער פון אונדזערע אבות און אמהות, דארף אין אונדז קיינמאל נישט פארלאשן ווערן.

אונדזערע חכמים פארגלייכן אויך דעם „גישטויסינים בוימל" פון דער מנורה מיט דעם טרויריקן גורל פון יידישן פאלק צוגלייך מיט זיין גרויסער מיסיע, צו זיין א משל פאר אלע נאציעס אויף דער וועלט

אזוי גוט ווי די איילבירטן, מוזן צום-ערשט גוט, צומאלן, צוריבן, צוקוועטשט ווערן און ערשט דערנאך גייט ארויס פון זיי דער ריינער בוימל, אזוי איז עס מיט דער גישיכטע פון פאלק ישראל.

אין גלות איז דאס יידישע פאלק, באדריקט, גיפייניקט, נידער-שלאגן און ווערט צוריבן צווישן די פעלקער. אבער גראד אין גלות, האט דער ייד מיט זיין ליכט דער גרויסער וועלט באַ-שיינט. ישראל האט אין זיין פיין די פעלקער די אמונה אין אחדות הבורא גילערנט, פון דעם באליידיקטן און גידרוקטן ישראל, האבן די מיליאנין מענטשן גילערנט דעם גלויבן אין דעם רבונו של עולם.

נאכדעם ווי מיר האבן אויפ-ן בארג סיני גינומין דאס ליכט פון לעבן אין דער האנט, האט אונדז דער באשעפער גיהייסן, אנצינדן אלס צייכן דעם „נר תמיד" אין אונדזער בית-המקדש.

*

**און** וואס איז היינט ווען מיר האבן צוליב אונדזערע הטאים נישט מער אונדזער לאנד און דאס בית-המקדש איז תרוב?

היינט דארף יעדעס יידיש הארץ זיין א „מקדש מעט" און דאס מזבח דארף זיין דער אמונה פינק, וואס זאל לייכטן אינים הארץ פון יעדן בן און בת ישראל!

„**לא תכבה**" – דער דאזיקער פינק טאר נישט אויסגילאשן ווערן, קיינמאל נישט, אין די שווערסטע צייטן נישט. ווי מיר ווייסן איז דאס ערשטע פייער אויפן מזבח, אראפ-גיקומין פון הימל און די כהנים, האבן נאר גידארפט יעדן טאג צולייגן צוויי שטיקער האלץ.

אמת, דאס פייער האט זיך אליין גיקענט שוין אייביק ברענין, אבער ניין, ג-ט וויל, אז דער מענטש זאל מיט זיינע אייגענע הענט דערהאלטן דאס הימלישע פייער...

*

**אינים** צווייטן פסוק זעען מיר ווידער א וויכטיק ערציערישע פאראלע: „באהל מועד מחוץ לפרוכת אשר על העדות יערך אותו אהרן ובניו" — דאס לערנט אונדז: די תורה איז נישט ווי אנדערע לערעס פון מאראל, וועלכע ווערן אפגיהיטן נאר אין דעם בית התפלה, ניין „מחוץ" אין דרויסן, אין גאס, אומיטום, וואו מען גיפונט זיך, מוז דאס אש דת גאלייטן אין לעבן.

עס שטייט אויך „יערך" ד. ה. ארדינין, נישט בלויז אנצינדן און א וועקגיין. מען מוז אזוי לאנג צינדן, ביז מען איז זיכער, אז ס-וועט זיך לייכטן.

פאר אונדזערע לערערנס, מוטער, ערציער און פירערנס איז דא א סך זיך ארויפצולערנין. ווערט נישט מיד ווען איר האט שוין גילערנט מיט די קינדער, איר מוזט אזוי לאנג צינדן און צינדן, ביז איר וועט זיכער זיין, אז ס-וועט שוין אליין זיך ברענין...

*

אויך די ספעציעלע כהנים-קליידער, וואו זיי זענין אין דער הייליקער סדרה באשריבן, לערנין אונדז עפיס. נאר אין די ספע-ציעלע בגדים, האבן די כהנים גימעגט טון זייער עבודה. נישט איינער וועט זיך חידושן: וואס האבן קליידער צו טון מיט גייסט? אבער שוין נישט איינמאל האבן מיר גישמועסט, אז דאס אויסערלעכע מוז הארמאנירן מיטן אינערלעכן. יעדעס בגד פונים כהן האט גיהאט זיין ספעציעלן באטייט, אזוי, ווען דאס פאלק האט גיקוקט אויפן כהן, איז עס גיוועזן פאר אים א מוסטער פון קדושה און טהרה.

אלע בגדים צוזאמין זענין גיוועזן „לכבוד ולתפארת", דער כהן איז גיוועזן פאר א משל פון אמת יידישן כבוד און שיינקייט.

•

**בן.** ליבע שוועסטער, לאמיר זיך טאקע אצינד דערמאנין אין אונדזער ספעציפישער יידישער קליידונג. עס גייט באלד פסח, ס-וועלן גימאכט ווערן נייע קליידער, מיר ווייסן נאך נישט ווי דעם מאדע אפגאט וועט זיך פארגלוסטן, צי צניעות-דיקע אדער אומצניעות-דיקע קליידער. מיר אבער, מיר די גיטרייע פרויען און טעכטער פון אייביקן ישראל-פאלק זאלן זעען, אז אונדזערע קליידער זאלן זיין צניעות-דיקע ווי עס פאסט פאר אמת-ע בנות-ישראל און דאס וועט במילא זיין פאר אונדז „לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת"

---

**מיטן היינטיקן נומער 65 — 66 ענדיקט זיך דער אבאנאמענט פון די אלע וואס האבן איינגיצאלט פון נומער 61 אן (זע די נאטיץ „אשטיקל חשבון" אויף זייט 21) — די וואס וועלן נישט באלד אבאנירן אויפן נייעם קווארטל ניסן—סיון, וועלן דעם יום-טוב נומער לכבוד דעם בנות-יובי-לעאום 67 שוין נישט באקומין!**

---

**אלע וואס ווילן מיט העלפן פארשטארקן דאס בית-יעקב-זשורנאל פארלאנגין די ספעציעלע זאמל-ביכלעך אויף אבאנענטן פון נומער 67 אן!**

ארכיון אסופות

הארכיון היהודי

# אונדזער פורים-אַלבאָם



מחצית השקל





שלח-מנות טעלער
פון 16-טן יאָר הונדערט



אַלטע מגילה פון 15-טן י. ה.



פורים-שפּילער אין איטאַליע



אמאָליקע פורים-שפּילער אין פוילישע שטעטלעך



אחשורוש-פּאַלאַץ אין שושן-הבירה



פורים-פייערונג אין מיטל-אַלטער

ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 065-066 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אונדזער אדר׳ אַרביט פאַרן „קרן הישוב״ פון ארץ ישראל

צו די חשובע פאַרוואַלטונגען פון די בנות - אַגודת-ישראל-אָרגאַניזאַציעס, בתי-פאַרבאַנדן און לערערנס פון די בית-יעקב שולן אין פוילן.

דעם היינטיקן חודש אדר אָרדנט איין די ארץ-ישראל-צענטראַלע ביי דער וועלטס-אַגודה, אַ זאַמל-אַקציע לטובת דעם אָרטאָדאָקסישן חנוך אין ארץ-ישראל.

די רעליגיעזע דערציאונג-אַנשטאַלטן געפונען זיך יעצט אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן מצב צוליב דעם שטאַרקן ווירטשאַפטלעכן קריזיס, וועלכער הערשט אויף דער גאַנצער וועלט. די דאָזיקע טרויריקע לאַגע ניצן אויס אַלערליי מיסיאָנערן צו פאַנגען די קינדער אין זייערע שמד-שולן ר״ל.

מיר מוזן דאָריבער פאַרשטאַרקן אונדזער אַקציע אַפצוראַטעווען די קינדער פון זייערע הענט.

מיט אונדזער יעצטיקער קרן-הישוב-אַקציע מוזן מיר ווייזן, דאָס נישט נאָר ביי פאָליטישע אַקציעס זענען מיר אַקטיוו, נאָר אויך ביי עיקר-זאַכן, ווי ס׳איז אונדזער חינוך אין ארץ-ישראל, ווייזן מיר אַרויס אונדזער ענערגישער מיטהילף.

מיר ווענדן זיך דריבער צו אייך, אַלס די געטרייסטע טעכטער פונים יידישן פאָלק, מיטצוהעלפן דערצו, דאָס אונדזער יעצטיקער אַקציע זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג.

מיר דערוואַרטן אייער ענערגישער אַרבייט צו דער דאָזיקער אַקציע און צייכענען

מיט גרויס כבוד

**ארץ-ישראל צענטראַלע פון אגודת-ישראל אין פוילן**

וואַרשע, גראַניטשנאַ 9 פּאָסט-פאַך 103, פ.ק.א. 12465

ר״ח אדר תרצ״ב

## פאַרטיילונג פון פרעמיעס
### פאַר די זאַמלער און זאַמלערנס

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער היי-יאָריקער אדר-אַקציע פאַרן קרן-הישוב, וועלכע דינט דעם הייליקן צוועק צו דערהאַלטן דעם אָרטאָדאָקסישן חנוך אין ארץ-ישראל — וועלן היי-יאָר פאַרטיילט ווערן פּרעמיעס פאַר די זאַמלער, ספרים פון פאַרלאַג „חורב״ און פאַרשידענע אָרטאָדאָקסישע ביכער.

אַנטייל אין דער הגרלה נעמט יעדער עסקן, גרופּע אָדער אגודה, וועלכע זאַמלט אינעם פאַרלויף פון חודש אדר לכל הפחות פופציק זלאָט. (50).

די הגרלה, וועט פאָרקומען אי״ה זונטיק דעם 2 טן סאָן חוה״מ פסח. די זאַמלער מוזן דריבער איינשיקן די געזאַמלטע געלטער שפּעטסטנס ביז זונטיק י״א ניסן אין דער צענטראַל-ביוראָ פון קרן הישוב — דאַן באַקומט דער זאַמלער אַ באַשטעטיקונג מיט אַ באַשטימטן נומער וואָס באַרעכטיקט אים אַנטייל צו נעמען אין דער הגרלה וואָס וועט פאָרקומען עפנטלעך אין דער צענטראַל-ביוראָ. גלייכצייטיק ווערט באַשטימט אַ ספּעציעלע פּרעמיע פאַר קינדער פון חדרים און בית-יעקב שולן.

ס׳ווערן פאַראַנדערגעשיקט ספּעציעלע זאַמל - ביכלעך פאַר די קינדער, אויף וועלכע ס׳ווערט אויפגעשריבן דער נאָמען פון זאַמלער—נאָכן זאַמלען ווערט עס פאַרקלעפּטערהייט איבערגעגעבן דעם מנהל פון חדר אָדער לערערין פון דער שול, וועלכע עפענען אויף די ביכלעך אין דער אַנוועזנהייט פונים קאָמיטעט.

דאָס ביכעלע, וועלכעס וועט האָבן איבער 2 זלאָט, נעמט אַנטייל אינעם גורל צו געווינען אַ פּרעמיע פאַרשידענע אָרטאָדאָקסישע לערן- און ליין-ביכער. אויסער דעם באַקומט דער באַזיצער פון ביכעלע אין וועלכן ס׳געפינט זיך די גרעסטע סומע—אַ פּרעמיע עקסטערן גורל.



בית-יעקב שולע איז ירושלים—פאַך-קורס

## חברות!

נישט געקוקט אויף דער שווערער צייט, שטרענגט אָן אַלע אייערע כחות פאַרן דערפאָלג פון דער **קרן-הישוב-אַקציע.** זאָל די גאַנצע יידישע וועלט זעען, ווי נאָנט עס איז אונדז צום האַרצן, די אַרבייט פאַרן הייליקן לאַנד און זיינע אמת-יידישע אינסטיטוציעס!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 065-066 a הודפס מתוך הארכיון היהודי עמוד 4 מתוך 24

# חסידישע און פאלקס לידער

— פון —

**ש. ראטשטיין**

**דער** ענין מיט די „ג–טלעכע לידער”, וועלכן אונדזער חשובער ד”ר בירנבוים האט אין לעצטן נומר „בית-יעקב” ארומגערעט אין אברייטן ארטיקל, דארף זער ערנצט באטראכט ווערן. פאראן אוצרות גאנצע, וואס גייען פאר אונדז פארלוירן. פאראן לידער חסידישע, וואס שטאמין נאך פון די ערשטע חסידות-שעפער, וואס זענין פול מיט התלהבות, דבקות, השתפכות הנפש; פאראן אויך פאלקסטימלעכע לידער, וואס אונדזערע באביס האבן גיזונגין—וואס וואלטן פאר אונדזערע שולן און גרופן גיקענט זיין א מקור פאר הארץ - דערקוויקיניש, פאר נשמה-דערהייבונג, און זיי גייען לאיבוד, ווערן פארגעסן.

איך האלט דריבער, אז דאס „בית-יעקב” זשורנאל דארף עפינין אירע שפאלטן פאר אט דער פאלקס-שאפונג, וואס שטאמין מערסטנטיילס פון אומבאקאנטע מחברים און האבן אריינגידרונגין אין פאלק. זאל יעדער זיך דערמאנין עפיס, פרעגן ביי זקנים און זקנות און עס פארעפנטלעכן. שפעטער וועט מען שאפן א קאמיסיע, וואס וועט דאס מאטעריאל סארטירן, קאנטראלירן און אויך א טראכט-טון מכח דער נגינה, וואס באגלייט תמיד דאס פאלקס-ליד.

לאמיך אבער נישט זיין בלויז א נאה דורש נאר אויך א נאה מקיים און דא אויפצייכינין עפיס דערפון, וואס איז מיר באזונדערס נאנט צום הארצן.

אט איז דאס זעלטינע הלל-ליד, וועלכעס איך גידענק זייט איך בין צום שכל גיקומין, גיזונגין אין לשון קודש, יידיש און פויליש (איין פערז פארביטן אויף רוסיש) און כ-בין זיכער, אז עס איז דעם ברייטן עולם ווייט נישט-באקאנט.

לא אמות כי אחי'
ואספר מעשי י'

כ-וויל נישט שטארבן נאר לעבן
דעם בורא עולם א שבח געבן!

ניעכצען אומזשעטש, טילקא זשיטש
פאנא באגא פאכוואליטש!

יסו־ יסרני י'
ולמות לא נתנני

ר-האט מיך געשטראפט ווי ר-האט געוואלט *
אבער צום טויט האב-ך נישט גיזאלט!

אן מניע קאראל יאק סאם כטשיאל
אלעזש דא שמיערטשי מניע ניע דאל!

פתחו לי שערי צדק
אבוא בם אודה י'

עפנט מיר די טוירן פון אויבן
לאמיר גיין ג–ט לויבן,

אכווארינטע מעניא דרוויע ניעביע
פאידו טאם פאכוואלי טעביע!

זה השער לה'
צדיק ם יבואו בו

דאס איז דאס טויער פון ג–ט אליין
ווער ס-איז קומט ארײן צו גיין!

טא יעסט בראמא פאנא באגא סאם
קטא יעסט ווארט פאידזשע טאם!

דאס דאזיקע ליד זאל, ווי מ-גיט איבער שטאמין פון גרויסן צדיק רבי יצחק-ל ווארקער, זכר צדיק לברכה פון אם זאל אויך שטאמין דאס פאלגנדיקע צווייטע הלל-ליד:

עצביהם כסף וזהב –
געטער האבן זיי פון גאלד און פון זילבער
אז אך און וויי איז צו זיי,
א גאלדינים גאט האבן זיי
א זילבערנים גאט האבן זיי,
א ליימינים גאט האבן זיי,
א הילצערנים גאט האבן זיי,
אבער מיר –
ואלוקנו שבשמים –
אונדזער ג–ט אין הימל!
כל אשר חפץ עשה –
וואס ער וויל טוט-ר,
ו מין ער וויל גיט-ר,
ווער איז ער?
ואלקנו שבשמים –
אונדזער ג–ט אין הימל!...

און איצטער גייט די פארטייטשונג פון גאנצן קיפיטל צוזאמין מיט רעפריין ווי צב”ש:

פה להם ולא ידברו! –
פיסקער האבן זיי און א מכה קענין זיי ריידן
אז אך און וויי איז צו זיי אז”וו

עינים להם ולא יראו
שליפיעס האבן זיי און א מכה קענין זיי זעען
אז אך און וויי איז צו זיי אז”וו.

אזנים להם ולא ישמעון
אוכעס האבן זיי און א מכה קענין זיי הערן

אף להם—נאסעס האבן זיי. אז”וו.

* * *

צו די מער פאפולערע לידער גיהערט דאס חסידישע „שכור-ליד”. דאס דאזיקע ליד איז פארשפרייט אין זייער פיל ווריאציעס, און איז זער כאראקטעריסטיש:

שעדזשילישמי וו'ניעדזשעלען
וופילישמי יאק או קראווי טשעלען
טשעבא, טשעבא זנאטש
יאק הולאטש!
היי, ז'פאנעם באגעם
ניע זשארטאוואטש
בא, טשעבא, טשעבא זנאטש
זשע בענדזשעמי אומיעראכש
אי פשעז פאנעם באגעם
בענזשעמי ראכונקו דאטש!
הולאיעם, גודלאיעם
ואתה תשמע מן השמים!...

איצטער גייט דער זעלבער נוסח אויף מאנטיק, אויף דינסטיק אז”וו, בלויז דער ערשטער פערז ענדערט זיך ווי צב”ש:

שעדזשילישמי וו' פאניעדזשאלעק
וופילישמי צאלי אנטאלעק
טשעבא, טשעבא זנאטש אז”וו.

און צום סוף – א יידיש פאלקס-ליד וואס מען זינגט אין די אוקריינישע קאנטן מיט גרויס דבקות און השתפכות הנפש:

הארכיון היהודי

# די אייגנשאַפט פונים האַרץ

– פון –
יהודה לייב ארלעאַן

פון אַ שמועס מיט קינדער
פון דער זעקסטער אָפּטיילונג

זייענדיק זומער אויף פרישער לופט, איז מיר אויסגיקומען צו וואוינען אין איין ווילע מיט עטלעכע יידישע פאַמיליעס. אין אַ גיוויסן טאָג האָב איך באַמערקט, ווי אַ צוזאַמענגיליף פון אַלע שכנים אין דער שטוב פון דער פאַמיליע ש. וואָס איז גישען? דאָס זיבן-יעריקע יינגל האט זיך אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט דערשראָקן פאַר עפּיס אַ בילד און אָנגיהויבן חלש-ן. מילא, שטעלט אייך פאָר, וואָס דאָרט האט זיך גיטון. די קולות פון דער מאַמין זענען גיגאַנגין עד לב השמים. פון גרויס צוטומלטקייט איז זי גישטאַנין פאַרבראָכן די הענט אין גיהאַלטן אין איין שרייען: מענטשן, ראַטעוועט, ראַטעוועט! די אַרומיקע מענטשן האָבן זיך אַלע גיפּאָריט: איינע האט גיטראָגן וואַסער צו באַשפּריצן דאָס פּנים, די צווייטע – שפּירטוס איינצורייבן די גלידער און די אַנדערע זענען סתם אַרומגילאָפן צוזאַמען. ביז מ-האט אים קוים אָפּגימונטערט.* ווי נאָר ר-איז גיקומען צו זיך האט די מוטער גלייך גילאָזט רופן דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האט פעסטגישטעלט די סבה פונים חלש-ן – פּלוצלינגע שרעק.

– אבעה דאָס האַרץ. דאָס האַרץ – פרעגט זיך איבער די מוטער, אינגאַנצן אַ ציטערנדיקע – פונקציאָנירט עס שוין כמעט נאָרמאַל?

– נו, נאָרמאַל קאָן מען נישט זאָגן, אַ ביסל אָפּגשוואַכט איז עס – האט דער דאָקטאָר באַרואיקנדיק גיענטפערט.

– טא וואָס דאַרף מען טון? – האט די מוטער, איינגיטונקט אין שרעק, ווידער איבערגיפרעגט.

– מ-דאַרף אַ קליינע צייט אים אָפּהיטן, ער זאָל זיך נישט אויפרעגן, קרעפטיקן אים מיט גיוויסע מעדיצינען.

מילא, וואָס זאָל איך אייך דערציילן, פיר וואָכן דורכאַנאַנד האט די מוטער נישט גיוואוסט פון קיין לעבן. זי האט נישט גיגעסן, נישט גישלאָפן, נאָר גיזעסן איבערן יינגל און נישט אָפּגילאָזט פון אים קיין אויג. אַז מ-האט איר גיפרעגט: „פרוי ש. אייער קינד איז דאָך שוין גיזונט, וואָס ציטערט איר איבער אים אַזוי שטאַרק?" – פלעגט זי ענטפערן נישט מער, ווי די עטלעכע ווערטער: „עפּיס אַ קלייניקייט אַ האַרץ, אַ האַרץ!" דער קליינער איז טאַקע במשך דער צייט גיקומען צו די כוחות און איז גיזונט גיוואָרן כאַחד האָדם.

דאכט זיך אַ קלייניקייט, ער האט זיך נאָר דערשראָקן, דאָס האַרץ האט נאָר אַ קליינע צייט נישט גיקלאַפּט נאָרמאַל און שוין סכנת נפשות.

שוין האט מען נישט דערקענט אין אים קיין סימנים פון לעבן, נו, דאַרפן מיר צופרידן זיין מיט דער אייגנשאַפט פונים האַרץ, וואָס רופט אַרויס ביי דער מינדסטער באַשעדיקונג אַזאַ ערנצטע קראַנקהייט? ווען מ-וואָלט אייך, למשל, גיגעבן די אויפגאַבע צו באַשאַפן אַ מענטש, וואָלט איר, ווי מיר דאַכט זיך גיוואָלט אויסבויען דאָס מענטשלעכע האַרץ, אַז עס זאָל נישט אַזוי שטאַרק פילבאַר זיין פון אַ קליינער האַרץ-באַשעדיקונג.

כדי איר זאָלט אבער באַוואונדערן די חכמה פון השי"ת ביים באַשאַפן דעם מענטש, כדי איר זאָלט פאַרשטיין ווי ווייט ס-איז נוצלעך פאַרן מענטשנס גיזונט די דאָזיקע שטאַרקע האַרץ-פילבאַרקייט, וועל איך אייך דערציילן אַ צווייטן פאַקט, וואָס כ-האָב באַמערקט ביי דער זעלבער מוטער

אין אַ צייט אַרום איז דאָס עלטערע צען-יעריקע יינגל פון דער פאַמיליע ש. אַראָפּשפּרונגנדיק פון בוים, גיפאַלן אויף דער ערד און זיך צוקלאַפּט די קני. אויף זיין גישריי איז אָנגילאָפן די מוטער, כאַפּנדיק דעם קליינעם אויף די הענט, האט זי אים אַריינגיטראָגן אין שטוב אַריין און אים אַנידערגילייגט אויפן בעטל. ווי נאָר דער מאָמענטאַלער ווייטאָג איז פאַרביי, איז דער קליינער, ווי אַ וועווערקע, אַרויסגישפּרונגין אינדרויסן אַרויס און פון דאָס ניי אָנגיהויבן קלעטערן אויף די ביימער, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

אין עטלעכע טעג אַרום, דער קליינער קאָן דעם פוס נישט שטעלן. דער ווייטאָג שטאַרקט זיך פון שעה צו שעה, ס-האט זיך אָנגיהויבן ווייזן גישווילעכץ און מ-האט גימוזט רופן דעם דאָקטאָר.

– אַן-ערנצטע גיפאַר, מ-וועט אים אפשר דאַרפן אָפּערירן דעם פוס. פאַראַן ביי דער קני מאַטעריע, ער האט זיך גימוזט אַ קלאַפּ טון, גידאַרפט זיך אויסרוען, נישט באַוועגן מיטן פוס אַ גיוויסע צייט נאָכן קלאַפּ, וואָלט דערצו נישט גיקומען.

– ווער זאָל זיך עס ריכטן – רופט די מוטער אויס אַ דערשראָקינע – ס-האט דאָך אים נישט ווי גיטון; מאַלע וואָס, מ-טוט זיך אַ קלאַפּ; אַזאַ אומגליק?

לאַנג, זייער לאַנג האט גידויערט ביז דער פוס איז גיזונט גיוואָרן. אפשר אַ האַלב יאָר צייט האט דאָס יינגל גימוזט ליגן און דער[...]נאָך גיהאַט גרויסע נסים. וואָס מ-האט אים נישט גידאַרפט מאַכן קיין אָפּעראַציע.

נו, ווי איז לויט אייער מיינונג, איז דאָס נישט פילן די ערשטע טעג קיין ווייטאָג גוט גיוועזן פאַרן גיזונט פונים פוס?

– זיכער נישט גוט.

– פאַרוואָס?

– ווען דער מאָמענטאַלער ווייטאָג וואָלט נישט פאַרביי, וואָלט ער אונטערגיליגן אַזוי לאַנג ווי ס-איז נייטיק גיוועזן פאַרן פוס זיך אויסצורוען. די פילבאַרקייט פונים ווייטאָג איז בכן אַ באַוואָרניש צו באַוואָרענען דעם קראַנקן אַבער פון אַ סכנה. אויב איין אבער איז אין אָנהייב אויסהאַלטיוודיקער צו פאַרטראָגן אַ וואָס פאַר עס איז באַשעדיקונג, ברעכט אבער אויס דערנאָך די קראַנקייט אין אַ פיל שאַרפערער פאָרם. און כאָטש דאָס האַרץ זעט דאָך אויס בנוגע קראַנקהייטס פילבאַרקייט דאָס שוואַכסטע אֵבֶר, איז עס אבער צוליב דעם אַליין דאָס גיזונטסטע מיט דער באַוואָרניש פון אַן-ערנצטער גיפאַר, און אַזוי ווי נישט אַלע איברים פונים מענטש זענען אויף איין אופן אויסגיבויט. פאַראַן איידעלע איברים און פאַראַן האַרטערע וועלכעס אבער האט באַדאַרפט באַזיצן די פילבאַרקייטס אייגנשאַפט?

– גיוויס דאָס האַרץ.

– פאַרוואָס?

אויפן בריק, הינטערן בריק
שטייען טויבן פאָרן,
שטייען טויבן פאָרן –
נאָך קיין גליק נישט גיזעען
אוועק די יינגע יאָרן...

שפּאַנט-זשע איינעם
שפּאַנט-זשע איינעם
שוואַרצע פערד אין פאָרן –
לאָמיר פאָרן און דעריאָגן
אונדזערע יינגע יאָרן...

יאָרן, יאָרן קערט זיך אומעט
כאָטש אַלס געסט צוריק!

ניין, ניין, ניין!
צו אייך מער נישט גיין,
ס-איז נישטאָ צו וועמען –

גיוועזן ביי אייך אַ לאַנגע צייט,
נידאַרפט אונדז נישט פאַרשעמען...



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 065-066 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 6 מתוך 24

— ווייל מיט דער קראנקהייט פונים הארץ איז נישט בלויז די סכנה פארן געזונט פון איהר גופא, נאר פארן גאנצן לעבן פון מענטש.

— ווי וועט איר־זשע יעצט באטראכטן די מאמענטאלע פילבארקייט פון דער מינדסטער הארץ־באשעדיקונג פאר א טובה, אדער פאר א רעה?

— פאר א טובה פארן מענטשלעכן לעבן.

— יעצט וואלט איך אייך געשטעלט אן־אנדער פראגע, צי האט איר שוין אמאל דערפילט, אז איר זענט שולדיק א דאנק אייערע עלטערן פאר דער שטראף, וואס זיי האבן קעגן אייך אנגעווענדט צוליב א באגאנגענעם חטא?

— יא, מיר האבן זיך איבערצייגט, אז אן דער שטראף, וואלטן מיר דעם חטא געטון נאכאמאל.

— נישט נאר נאך איינמאל, איך וואלט אים באגאנגען נאך זייער פיל מאל, ביז ס־וואלט ביי אייך געווארן א געוואוינהייט און מ־וואלט דארפן אנווענדן קעגן אייך א פיל הארבערע שטראף, מ־זאל אייך קאנען אפגעוואוינען פון דער נייגונג צו דער דאזיקער זינד. צו האלט איר־זשע דאס אויפהאלטן די שטראף פאר א טובה אדער פאר א רעה?

— זיכער פאר א רעה.

— יעצט פרואווט אייך נאר דערמאנען צו וואס מיר האבן פארגליכט דאס יידישע פאלק מיט אלע אנדערע פעלקער.

— מ־האט זיי פארגליכט צו די איברים פון א מענטשלעכן קערפער.

— צו וועלכן איבר איז ענלעך דאס יידישע פאלק?

— צום הארץ.

— מיט וואס איז עס ענלעך צום הארץ?

— אזוי ווי דאס לעבן פון מענטש איז אפהענגיק פון הארץ, אזוי איז אויך דאס אידעלע און מאראלישע לעבן פון די פעלקער אפהענגיק פון די יידן. זאל חלילה דאס יידישע פאלק אונטערגיין וועלן די פעלקער נישט קאנען האפן, ווען עס איז זייער לעבן אויסצואיידלען

— געדענקט איר נאך אויך, ווי איך האב מיך געפרעגט: פארוואס ליידן די יידן אזוי פיל, אין דער צייט, ווען די פעלקער האבן פיל מער געזינדיקט?

— מיר געדענקען. און מיר האבן נאך ביז היינט טאקע נישט באקומען קיין ענטפער, פארוואס ליידן מיר טאקי אזוי פיל מער פון זיי?

— דערויף ענטפערט אונדז די תורה (אין דברים ח׳–ה׳) „כאשר ייסר איש את בנו, ד׳ אלקיך מיסרך" מיט־ן זעלבן ציל און אופן, וואס א פאטער שטראפט זיין קינד, שטראפט אונדז אויך השי״ת. אויב ווידער די שטראף איז, מ־זאל בעסער ווערן און נישט איינגעוואוינט ווערן אין די זינד, מ־זאל דערנאך דארפן חלילה אנקומען צו א געפערלעכער אפעראציע אדער אינגאנצן אונטער־צוגיין — טא וועמען דארף מען פריער באשטראפן מיט וועמינס זינד איז פאר דער מענטשהייט פארא א גרעסערע געפאר, צוליב וועלכן מ־זאל שוין נישט קאנען זיך אומקערן צום גוטן, מיט די זינד פון די יידן, אדער מיט די זינד פון די פעלקער?

— מיט די זינד' פון די יידן. ווייל ווען די יידן וועלן נישט בעסער ווערן, וועלן דאך די פעלקער אוודאי נישט בעסער ווערן

— יעצט וועט איר שוין פארשטיין, אז די איינגעשאפט פונים מענטשלעכן הארץ צו דערפילן באלד די קראנקהייט, איז פאר זיין טובה וועגן, כדי אנצונעמען באלד די נייטיקע רעטונגס־מיטלען. אויף די זעלבע איינגעשאפט באזירט אויך דאס הארץ פון דער וועלט — דאס יידישע פאלק, כדי צו זיכערן דאס מאראלישע לעבן פון די פעלקער. מוז דאס יידישע פאלק פריער דערפילן זיין מינדסטן הארץ באשעדיקונג, כדי ס־זאל באלד תשובה טון, און ס־זאל דערנאך נישט דארפן צוליב צו פיל זינד חלילה אינגאנצן אונטערצוגיין.

ארכיון אסופות

# מייז פידילע...

(גידיכט) פון לייב פיינגאלד

בלייב איך אליין מיט דער שטילקייט פון שפעטער נאכט,
אן שלאף — אומיטיק, פארטרויערט, פארטראכט,
*
כאפן מיינע הענט די טייערע פידל,
אויסצוטאקן אויף אירע כטרונים א האַרציק לידל!

הארכיון היהודי

שפיל איך, זינג איך א תפלה, א געזאנג,
שטורמט א לידל מיט פיין, וויי און באנג;
א ניגון, וואס קלינגט אזוי הערלעך, אזוי שיין,
טענער, וואס פליצן, ווי'דער וואסער־שטראם ריין!...

איז גרייט א גרויסע תפלה צו כביכול פארפאסט,
א תפלה, וואס רייניקט נשמה פון יעדער לאסט — —
און אזוי איז דאס פידילע, די נאכט כלי־זיין,
וואס באַרואיקט און שלעפט זיס איין!...

[illegible] טבת תרצ״א

## וועגן פראפאגאנדע־טורנעע

אלע שטעט, וואס האבן ביז היינט זיך געווענדעט וועגן א רעדנער זענען געווארן רעגיסטרירט און אויב די צאל פון פריי־ווילִיקע עכקנות וועט זיין גרויס, וועלן זיכער אלע שטעט באזוכט ווערן. ערשט אכט טאג פאר פסח וועט קענען גענוי געשריבן ווערן אין יעדן ארט ווער ס־איז די רעדנערן, איר נאמען און אדרעס

## אלע בנות־פירערנס און חברות

וואס ווילן שרייבן פאר דער אפטיילונג „וואס איז פאר אונדז בנות אגודת ישראל?" (זע זייט 20 אין היינטיקן נומער) דארפן צושיקן זייערע שורות במשך דער קומענדיקער וואך פ׳ ויק״פ. שפעטער דערהאלטענע וועלן נישט קענען אריין אין דער יום־טוב אויסגאבע. מיר בעטן אויך צו שרייבן בקיצור, כדי ס־זאלן האבן די מעגלעכקייט אלע וואס ווילן נעמען א ווארט צום גרויסן יום־טוב פון דער בנות־באוועגונג, אלע חברות און פירערנס.

## פון דער רעדאקציע

צוליב טעכנישע סבות קומט דער המשך פון דער דראמע פון ל. שטשעקאטש „צווישן טאג און נאכט" ערשט אין קומענדיקן נומער.

## נוצט אויס די געלעגנהייט!

אין דער קומענדיקער יום־טוב אויסגאבע וועט זיין א ספּעציעלער קופאז אויף ביליקע ביכער — פארגעסט נישט אז וויפיל דער נומער וועט קאסטן, וועט איר פיל מער מרוויח זיין, צו קענען באקומען צענדליקער וויכטיקע ביכער צו האלבע פרייזן.

# אַנ=אַלטע מגילת אסתר

— פון —

הרב ד״ר. מיכאל הכהן זצ״ל

(באַמערקונגען וועגן אַ זעלטענעם דרוק פון מגילת אסתר אויף עברי־טייטש אין דער באַזעלער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק)

אין דער באַזעלער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק, געפינען זיך זייער זעלטענע אַלטע כּתב־ידן און דרוקן פון ווערק אויף עברי־טייטש, וואָס האָבן אַגרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון די דאָזיקע ווערק איז אַן־אַלטע מגילת אסתר, וועלכע איז אינגאַנצן געווען אומבאַקאַנט. דאָס איז נישט בלויז אַ איבערזעצונג פון דער מגילה אויף עברי־טייטש. אויף אייניקע ערטער געפינען זיך דאָרט אויך זייער באַמערקנסווערטע פּאַראַפראַזן פון דער מגילה.

דאָס ביכל האָט 36 נישט נומערירטע בלעטער. דער נאָמען פון מחבר, דער אַרויסגעבער דער זעצער און דאָס אָרט און צייט ווען דאָס ביכל איז געדרוקט געוואָרן איז נישט אָנגעגעבן, אויף דעם שער־בלאַט. ס׳געפינען זיך איינגעהילט אין אַ ווינעטע די־דאָזיקע ווערטער:

„די מגילה אין טייטשער שפּראַך אויס לשון הקודש געמאַכט און אויף פירוש און פּשטים האָט אַרט, אונד דאַביי געריימט וואויל צו זינגען, וועלכער האָט גוטע שטימן״.

צום סוף פון דעם ביכל געפינט זיך אַזאַ זאַץ:

„אלהי האָט די מגילה אַן־ענד, הער גאָט אונדז באַלד משיח זענד״.

דער דרוק פון דעם ביכל איז זייער פּרימיטיוו און ווייזט אויף דעם הויכן עלטער פון דעמדאָזיקן עקזעמפּלאַר.

שבתי באַס דערמאָנט צוויי דייטשע אויסגאַבן פון מגילת אסתר. די ערשטע איז ערשינען אין קראָקע און יאָר 1590, געדרוקט דורך יהודה ליב בן יוסף מעלער. די צווייטע אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1663. דער באַקאַנטער ביבליאָגראַף וואָלף ברענגט אויך נאָר די־דאָזיקע צוויי אויסגאַבן. און פון זיינע פעסטשטעלונגען איז צו זען, אַז דעם עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער אוניווערזיטעט געהערט נישט צו קיין איינער פון די צוויי אויסגאַבן.

דאָס ביכל פון דער באַזעלער אוניווערזיטעט באַגרעניצט זיך נישט בלויז מיט אַן־איבערזעצונג פון טעקסט, עס איז מער אַ ברייטע שילדערונג פון דער מגילה אַדורכגעפלאָכטן מיט פאַר־שיידענע אגדות, וואָס זענען אַרויסגענומען פון „תרגום שני״. דאָס גאַנצע ביכל איז אין גראַמען, געהאַלטן אין פאָלקסטימלעכן טאָן.

די אויסגעוויילטע אַגדות, וואָס דער אומבאַקאַנטער מחבר האָט אַריינגעגעבן אינעם ביכל זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר־ן מחבר און פאַר דער צייט, ווען דאָס ביכל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן.

„מלכה ושתי איז דערפאַר געווען אַזוי שטאָלץ ביי זיך, ווייל זי איז געווען די טאָכטער פון נבוכדנצר, ביי וועלכן דער קעניג אחשורוש איז געווען אַ פּראָכטער משרת״; אָבער „דריי שיפן די גבוכדנצר האָט פאַרזענקט און פאַרבאָרגן, העלפן אים פון אַלע זאָרגן, דאָמיט קויפט ער שטאָט און לאַנד״. „אחשורוש איז געווען איינער פון די דריי, די דאָס גוטע פון די וועלט געהאַבט האָבן אַליין, אַהאַב נבוכדנצר און אחשורוש איך מיין״.

ער האָט אויך געהאַט די גאָלדענע שטול פון שלמה המלך, אויף וועלכן עס איז געווען זייער שווער אַרויפצוגיין [1]

„די שטול האָט געהאַט זיבן טרעפּ. ווען שלמה איז אַרויף אויף דער ערשטער טרעפּ דאָ שטאַנדן צוויי לייבן אויס גאָלד געמאַכט, איינער הייבט אויף מיט מאַכט און זעצט אים אויפן טראָן, דער אַנדערער זעצט אים אַרויף די קראָן״.

„זיבן מאָל (צאָל זיבן ווערט זייער אָפט איבער געחזרט אינעם ביכל) האָט דער טראָן געביטן זיינע באַזיצער. פּרעה מלך־מצרים איז אויך געווען איינער פון זיינע באַזיצערס, נאָר אַזוי ווי ער האָט נישט געוואוסט דעם סוד ווי אַזוי אַרויפצוגיין אויף דער שטול, איז ער ניזוק געוואָרן „דער לייב שטירט אום די לענדן אויף דען הויף, דאָס ער ניכט מאַכט שטיין אויף. פון לעווען שלאַגען, וואַר ער לאָם אַל זיינע טאַגען״.

דאָס אומגליק אויף דער מלכה ושתי וועלכע איז געווען איינע פון די שענסטע זיבן פרויען אויף דער וועלט איז געקומען צו־ליב דעם, וואָס זי האָט די יידישע פרויען געצוואונגען צו שפּי־נין אין שבת. ווען דער קיניג האָט זי גילאָזט רופן צו זיך „דאַ וואוקס איר אַ האָרן אויף דער שטירן, דאָס זי שעמטע צו גיין פאַר די הירן (הערן)״.

צוערשט האָט זיך דער קעניג געווענדעט צו די חכמים „די דאַ וואוסטן דאָס רעכט, דאָס וואָרן די סנהדרין פון ישראל־ס געשלעכט, אַן די סנהדרין ניכט־ס ער טעט, ער פאָלגט אַלעכול אירן רעכט״. „דער סנהדרין האָט אָבער מורא געהאַט אים צו־געבן אַ ראַט און זיי האָבן אים אַזוי געענפערט: „אַן זין און ווידען זינד וויר לעער דען ווער ניכט אויף זיינער שטאַט בלייבט זיצן, דער פאַרלירט זין אין ווידען. זייט וויר זינד פאַרטריבן איזט אונדז זין נאָך וויל פאַרבליבן״.

אויך די זיבן יוצרי המלך האָבן געזאָגט צו אחשורוש־ן: „וואָס קאָנסטו לערינען פון דעם יידן ווייזהייט, זי האָבן לאַנד נאָך לויט אונד זינד וויט פאַרשפּרייט״...

די קיניגין ושתי איז געווען זייער שטאָלץ געגן דעם קיניג און האָט מיט האָפער געזאָגט: „ער וואַר דאָך מיין פאָטער־ס קנעכט, די שיפע די מיין פאָטער האָט פאַרזענקט, די ער האָט פאַרוועקט, ער האָט מיין פאָטער מיסט געטראָגן״...

לויט דער פּאַראַפראַזע פון אונדזער אומבאַקאַנטן מחבר האָט זיך דער קיניג נאָך לעכערלעך געמאַכט אינים לאַנד מיט זיין ערשטן באַפעל, אַז דער מאַן זאָל זיין דער הער פון דער פאַמיליע אין הויז, ווייל דאָס איז אַלעמען געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

ווען די מיידלעך זענען גערופן געוואָרן צום קעניג, איז אסתר נישט פרייוויליק געגאַנגען. „מידער פאַרבאָרגט זי איין יאָר. אויך זי טאָט עס ניכט גערן, זי קאָנטע עס זיך ניכט ערוועהרען״.

*

ווען די צוויי פאַרשווערער בגתן ותרש, וועלכע האָבן געפּלאַנט אַן־אַטענטאַט אויפ־ן לעבן פון קעניג אחשורוש און זענען אַנט־דעקט געוואָרן דורך מרדכי הצדיק, ווייס אונדזער אומבאַקאַנטער מחבר צו דערציילן, אַז זיי זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַלכּסנדר מוקדון.

„וויל אונד אַלעקסאַנדער מוקדון געבן לאָהן, וויר וואָלן טעטן דעם קעניג, זא ווירד איר די קראָן״.

די צוויי פאַרשווערער זענען געווען פון תּרשיש, נאָר בלויז מרדכי הצדיק האָט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך.

דער מחבר ווייסט אויך צו באַגרינדן פאַרוואָס מרדכי הצדיק האָט זיך נישט געוואָלט בוקן פאַר המנען „ער טראָג אַן איהן אַן־אָפּ־גאָט, וואָס ג–ט נאָר דער פאַרבאָטן זאָט״.

(סוף אויף זייט 20)

---

1) די באַשרייבונג פון דער גאָלדענער שטול אין דאָזיקן ביכל איז גאַנץ אַנדערש פון דער שילדערונג אין דער קראָקעהער פּאַר־אַפראַזע, וועלכע איז אַרויסגענומען פון „תרגום שני״.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 065-066 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דאָס נס פון פורים

## (אין פינף סצענעס)

### פערזאָנען:

| | | |
|---|---|---|
| אסתּר | המן | דינער |
| מרדכי | חרבונה | מענער |
| משה | אפיצירן | פרויען |
| התך | הויף-הארן | קינדער |
| אחשורוש | הויף-דאַמען | יידן |

### ערשטע סצענע.

(אַ שטוב וואו מרדכי און אסתּר וואוינען. צייט — אוונט אסתּר, אַ יינג שיין מיידל גרייט צום טיש קוקט אומגידולדיק צום טיר).

**מרדכי:** (אריינקומינדיק פון גאַס) נו, מיין קינד, האסט שוין גיהערט די נייעס וועגן אונדזער קיניג?

**אסתּר:** ניין, פעטער, וואס איז גישען?

**מרדכי:** אחשורוש האט געכטן גיפייערט דאָס דריטע יאַר פון זיין קיניגין איבער די הונדערט און זיבן-און-צוואנציק מדינות. ער האט גימאַכט אַ מאָלצייט פאַר זיינע האוין און באַפוילן אַז די קיניגין ושתּי זאָל קומין און אַמוזירן זיינע געסט. די קיניגין האט זיך אָפּגיזאָגט צו טון אחשורוש-ס באַפעל. די הויף-האַרן האבן זיך שטאַרק באַליידיקט און גיפאדערט אַז דער קיניג זאָל אַוועקשיקן די קיניגין ושתּי און זיך נעמין אַ אַנדערע קיניגין.

**אסתּר:** און אחשרוש האט עס טאַקע גיטון?

**מרדכי:** זיכער, ער האט נאך נעכטן אוועקגישיקט די קיניגין ושתּי און היינט האט ער אַרויסגישיקט דינער צו זוכן אַ נייע קיניגין (זעצט זיך צום טיש).

**אסתּר:** אינטערעסאנטע נייעס (דערלאַנגט עסן) (צוויי פערסישע אפיצירן קומין אריין) ערשטער

**אפיציר:** מיר האבן גיהערט אַז איר האט דאָ אַ שיין מיידל.

**צווייטער אפיציר:** זי איז טאַקי שיין מיר וועלן זיי גלייך מיטנעמען צום קיניג.

**מרדכי:** (אויפשטעלנדיק זיך און מיט שטאָלץ) וואָס הייסט איר וועט זי מיטנעמען?

(אסתּר בלאַס און דערשראָקן וויל זיך באַשיצן הינטער מרדכי-ן)

**ערשטער אפיציר:** (שטרענג) דעם קיניג אחשורוש-ס באַפעל איז, ברענגין אלע מיידלעך קיין שושן, די וועלכע וועט אים גיפעלן, מער ווי אַלע וועט ער מאכן פאר אַ קיניגין.

**מרדכי:** (רעט ערנסט) מיין קינד, אַ גזירות המלכות, דעם קיניג-ס באַפעל מוזן מיר הארכן, גיי טו זיך אָן (ווענדנדיק זיך מיט שטאָלץ צו די אפיצירן) איך וועל זי אַליין ברענגין. (די אפיצירן פארנייגן זיך און גייען אוועק, אסתּר קומט צוריק).

**מרדכי:** מיין קינד, אויב דו וועסט ווערן אַ קיניגין גידענק אבער נישט צו זאָגן קיינים פון וועלכן פאלק דו קומסט אַרויס. (די אפיצירן גייען אוועק)

פאַרהאַנג

### צווייטע סצענע

(מרדכי-ס וואוינונג ווי אין ערשטן בילד. מרדכי זיצט ביים טיש איבער אַ ספר אַ יונגערמאַן קומט אריין).

**מרדכי:** (שטעלט זיך אויף, דערלאַנגט אים די האַנט און מיט אַ גוטמוטיקער שטימע) שלום עליכם משה, וואָס מאַכסטו?

**משה:** אַדאַנק, איך בין גיזונט, אבער...

**מרדכי:** וואָס אבער? (דערשראָקן).

**משה:** (האסטיק) רב מרדכי, איר זאָלט וויסן אַז צוליב אייך שטייט דאָס גאַנצע יידישע פאלק אין גיפאַר אויסגיהרגיט צו ווערן.

**מרדכי:** (אין אפגעריסינע ווערטער) דאָס יידישע פאלק, משה וואָס רעטסטו? צוליב מיר זאָל דאָס יידישע פאלק אויסגיהרגיט ווערן? (לייגט זיינע הענט אויף משה-ס פלייצע האסטיק) משה, וואָס רעטסטו, צוליב מיר וועט דאָס יידישע פאלק אויסגיהרגיט ווערן?

**משה:** הערט, איר ווייסט אַז אחשורוש האט דערהויבן המן בן המדתא איבער אלע זיינע הארן און באַפוילן, אַז יעדער מוז זיך בוקן צו המנ-ען. איר זענט גיזעסן ביים טויער ווען המן איז פאַרביי גיגאַנגען און זיך נישט גיבוקט צו אים. איז ער גיווארן אין כעס גיגאַנגען צום קיניג און אים גיזאָגט, אַז מיר זענען אַ פאלק וואָס היט נישט אָפּ זיינע גיזעצן און אַז ער מוז פּטור ווערן פון אונדז. אחשורוש האט נישט לאַנג גיטראַכט, דערלאַנגט זיין רינג צו המנ-ען און אים גיבעטן פולמאכט צו טון וואָס ער וויל. המן האט גלייך אַרויס גישיקט אַ באַפעל אויסצוהרגינ-ען אַלע יידן.

(די טיר עפנט זיך האסטיק און אַן עלטערער ייד קומט אריין, מענער און פרויען קומין אריין נאך אים)

**עלטערער ייד:** רב, מרדכי, וואָס וועלן מיר איצט טון? המן האט באַפוילן אויסצוהרגינין אַלע יידן דעם דרייצנט אדר.

**מרדכי:** (קוקט זיך אַרום, זעט די מענער און פרויען, און רופט אויס מיט

---

## פורים תרצ"א

שרעק זיך נישט ייד פאַר דעם שונא רעם פיינט,
ער וועט קיין שום שליטה נישט האָבן,
דו וועסט די רשעים באַזיגן אויך היינט
דו וועסט זיי ווי תּמיד באַגראָבן...

האָב נישט קיין פחד, קיין שרעק און קיין מורא,
ג-ט האַלט פאַר דיר שטענדיק מלחמה.
זיי נאר גיטריי צו דיין גלויבן, דיין בורא
און דין אים מיט האַרץ און תּשובות

**אליעזר שינדלער.**

---

פילן באַליידיקט, וואָס מ'נעמט אים אַוועק די בחירה און מ'מאַכט אים נאר פאַר אַ גיצייג. און ווייל מ'האט נישט גיקענט מיט ערלעכע אָפנקייט אַלץ אַרויסזאגן, האט מען דעריבער דעם ספר אַ פּראָפאַנים לבוש גיגעבן, אַלס סימן פון נישט שלימות-דיק. און מ'האט זיך דערויף סומך זיין, אַז ווי באַלד מ'וועט זיך אין דער ווערטער פאַרטיפ, וועט מען אַלץ גיפינין: הן אַ קלאר בילד פון דעם גאַנצן ענין, הן דעם אמת-ן כאַראַקטער פון די מענטשן און הן די באַציאונגען פון די הויפּ-לייט צו די יידן. מ'זעט אבער אויך גאַנץ קלאר, אַז נאר דורך דער הילף פון ג-ט איז אַלץ אַזוי גוט גילונגין. די מענטשלעכע חכמה אַליין, ווי גרויס זי זאָל נישט זיין, איז נישט גינוג אַזאַ ישועה צו ברענגין און ד' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו, אם ד' לא ישמור עיר שוא שקד שומר!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 065-066 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

שטאָלץ) ייִדן, ברידער און שוועסטער, המן האט באַפוילן צו פאַר־טיליקן אַלע ייִדן און דעם דרייצנטן אדר דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אפגיזאָגט צו בוקן צו אים, איז דען דא פאַראַן איין ייִד וואָס וואלט זיך גיבוקט צו המנ־ען און צו זיינע עבודה־זרה־ס?

(אלע רופן אויס) ניין, ניין!

**עלטערער ייִד:** אבער וואָס זאָלן מיר אַצינד טון, לאָזן זיך אויסהרגינין פון המנ־ען.

**מרדכי:** ניין! (מיט שטאָלץ) איך וועל אייך ווייזן וואָס מיר זאלן טון (לויפט ארויס, קומט גלייך צוריק מיט אַ פאַק זעק, טוט זיך אָן אַ זאַק אויפן קאָפּ). מיר וועלן זיך אומקערן צו אונדזערע אַלטע וואפן. מיט זעק אויף אונדזערע קעפּ און פאַסטנדיק וועלן מיר ג—ט בעטן (אַ ייִנגע פרוי פון צווישן די מענער און פרויען רופט אויס) מיר ווערן אומשולדיק פאַרפאלגט פאַר המנ־ען, אפשר קאָן אסתר די קיניגין אונדז העלפן.

**אַלע:** (חוץ מרדכי און משה) רופן אויס: אפשר קאָן אסתר המלכּה אונדז העלפן!

**יונגערמאַן:** לאָמיר צוזאַמען רופן אַלע ייִדן, און שטעלן זיך אַנטקייגן המנ־ען.

**מרדכי:** איר אַלע גייט און לאָזט וויסן די איבריקע ייִדן פון דער גיפאַר, הייסט זיי מתפלל זיין צו ג—ט, תשובה טון, און איך וועל גיין צו אסתר־ן (זיי טון זיך אָן זעק אויף די קעפּ און גייען ארויס).

פאַרהאַנג

---

# דריטע סצענע

(קיניגנס פּאַלאַץ. — אסתר־ס צימער, אַ סך טעפּיכער און קישנס אויפ־ן דיל. אסתר זיצט און פּערסישע קעניגלעכע קליידער. אבער אָן דער קרוין, זיצט אויף דער ערד. לעבן איר זיצן פיר הויף־דאַמען, די טיר עפנט זיך און התך, דער דינער קומט אַריין).

**אסתר:** (צום דינער) נו וואָס האט מרדכי גיזאָגט?

**התך:** מרדכי האט נישט גיוואָלט אויסטון דעם זאַק און אָנטון די קליידער וואָס די קיניגין האט אים גישיקט. ער זאָגט אַז די קיניגין מוז גיין צום מלך אחשורוש און בעטן ביים אים פאַר איר פאָלק.

**אסתר:** איך האָב דאָך דיר גיזאָגט, אַז דו זאָלסט זאָגן מרדכי־ן דאָס אויב אַ מאַן אָדער אַ פרוי קומט צום קיניג, נישט גירופינערהייט איז די שטראָף, גיטויט צו ווערן. מיך האט דער קיניג נישט גירופן שוין דרייסיק טעג.

**התך:** איך האָב אים דאָס גיזאָגט. האט ער גיענטפערט אַז די קיניגין זאָל נישט מיינען אַז זי איינע וועט ניצול ווערן ווען המן, וועט אויסהרגינין אַלע ייִדן!

**אסתר:** (פאַרטראַכט, רופט אויס מיט קוראַזש) גיי זאָג מרדכי־ן אַז ער זאָל צונויפרופן אַלע ייִדן פון שושן און פאַסטן דריי טעג און איך וועל גיין צום קיניג נישט גירופינערהייט (דינער גייט ארויס אסתר ווענדט זיך צו די הויף־דאַמען) ברענגט מיר דעם מאַנטל און די קרוין. איין הויף־דאַמע ברענגט אַ פּורפּור־מאַנטל, אַ צווייטע די קרוין, די אַנדערע הויף־דאַמען שטייען אויף און העלפן איר זיך אָנטון.

**ערשטע הויף־דאַמע:** (מיט אנטציקונג) ווי שיין די קיניגין זעט אויס!

**אסתר:** (שמייכלט, גייט מיט לאַנגזאַמע טריט צו דער טיר, דרייט זיך אום צו די הויף־דאַמען און זאָגט). זייט גיזונט!

**הויף־דאַמען:** מיר וואונטשן דער קיניגין גליק.

פאַרהאַנג

---

# פערדע סצענע

(קיניג־ס שלאָף־צימער. ער זיצט אין בעט, פאַרטראַכט)

**הויף־דינער:** (אַריינקומינדיק) דער קיניג האט מיך גירופן?

**קיניג:** יא, איך קאָן נישט שלאָפן. (דינער זעצט זיך לעבן בעט) עפּיס מוז דאָ אָנגיין אין פּאַלאַץ. שוין צוויי מאָל, ווי די קיניגין האט המנ־ען און מיך פאַרבעטן צו אַ מאָלצייט. יעדעס מאָל, ווען איך פרעג ביי איר וואָס זי פאַרלאַנגט, ענטפערט זי מיר „אַז דער קיניג און זיין מיניסטער המן זאָלן קומען צו מיין מאָל־צייט". איך זע אַז זי איז טרויריק, זי באַהאַלט עפּיס פון מיר.

**הויף־דינער:** אפשר וועט די קיניגין מארגן זאָגן וואָס זי וויל.

**קיניג:** איך וויל וויסן וואָס עס גייט אָן אין מיין פּאַלאַץ. דו מוזט וויסן. די דינער ווייסן תמיד מער פון די האַרן, וואָס עס טוט זיך אין פּאַלאַץ.

**הויף־דינער:** דאָס וואָס דער קיניג האט פּלוצלונג דערהויבן המנ־ען צו אַזאַ הויכן אַמט האט אַרויסגירופן אומצופרידנקייט ביי אַנדערע הויף־האַרן. מען זאָגט אויך, אַז המן נוצט אויס זיין מאַכט, פאַר זיין אייגינים נוצן. מעגלעך אַז די קיניגין אסתר וויל מיט אירע מאָלצייטן צוריק מאַכן שלום צווישן די הויף־האַרן.

**קיניג:** די אינטריגיס לאָזן מיך נישט שלאָפן.

**הויף־דינער:** איך וועל ברענגין דעם ספר הזכרונות און ליי־נין אַביסל.

**קיניג:** גוט, ברענג.

(דינער גייט אַרויס, קומט גלייך צוריק מיט אַ גרויס בוך, זעצט זיך אַוועק און הייבט אָן מישן אין בוך, שטעלט זיך אָפּ און הייבט אָן לייענין).

**דינער:** (לייענט) מרדכי איז גיזעסן אין טויער פונים קיניגלעכן הויף. ער האָט גיהערט ווי צוויי דינער האבן גיפּלאַנט צו טויטן דעם קיניג. מרדכי האט דאָס גלייך גילאָזט וויסן דער קיניגין אסתר. מען האט אויסגיפאָרשט די זאַך און גיפונין אַז אַלץ וואָס מרדכי האט דערציילט איז גיוועזן אמת, האט מען באַ־שטראָפט די צוויי דינער.

**קיניג:** (גיט אַ צייכן מיט דער האַנט אויפצוהערן לייענין) מיט וואָס פאַר אַ טייערע זאַכן האט מען מרדכי־ן באַלוינט פאַר ראַטי־ווין דעם קיניגס פון טויט?

**דינער:** מען האט אים מיט גאָרנישט באַלוינט.

**אַ צווייטער דינער:** (קומט אַריין פאַרנייגט זיך) גינעדיגער קיניג! דער מיניסטער המן איז אין הויף. ער האט גיהערט אַז דער קיניג שלאָפט נישט וויל ער רעדן מיט־ן קיניג.

**קיניג:** זאָל ער אַריין.

**המן:** (פאַרנייגט זיך חניפה־דיק) וואָס מאַכט מיין טייערער קיניג?

**קיניג:** המן, וואָס דאַרף מען טון אַ מענטשן, וועמען דער קיניג וויל אָנטון כבוד?

**המן:** (דרייט זיך אום צו די דינער, מיט אַ שטילער שטימע) דאָס מיינט ער אוודאי מיך (צום קיניג) טייערער קיניג, דעם מענטשן וואָס דער קיניג וויל טייער האַלטן דאַרף מען אָנטון אין די קי־ניגליכע קליידער, אַרויפזעצן אים אויפ־ן קיניגלעכן פערד, פירן אים איבער דער שטאָט און אויסרופן, „אַזוי טוט מען אַ מענטשן וועמין דער קיניג וויל אָנטון כבוד".

**קיניג:** גיי שנעל און טו דאָס וואָס דו האסט גיזאָגט צו מרדכי־ן דעם ייִדן, וואָס זיצט אין טויער פונים קיניגליכן הויף.

**המן:** (מיט צו־אויפגערעגטער שטים, אויסשטרעקנדיק די הענט צום קיניג) אבער, מיין טייערער קיניג, ער איז דאָך אַ ייִד.

**קיניג:** טו אַזוי ווי דו האסט גיזאָגט. קיין האָר זאָל נישט פעלן.

**המן:** (גייט ארויס מיט־ן קאָפּ גיבויגן צו דער ערד).

**קיניג:** דאָס וועט מיר אפשר געבן רו (צו די דינער) לאָזט מיך אַליין. (זיי פאַרנייגן זיך און גייען ארויס).

פאַרהאַנג

הארכיון היהודי ארכיון אשכולות

# פיפטע סצענע

(אסתר-ס דריטע מאַלצייט. אַ צימער מיט גידעקטע טישן. אחשורוש און אסתר אין קיניגליכע קליידער זיצן אויבן אָן. המן זיצט רעכטס פון דער קיניגין. אַ סך הויף-דאַמען און הויף-הארן זיצן ארום דעם טיש. דינער גיסן אָן וויין אין די גלעזער, ווען די פארהאנג הייבט זיך אויף)

**קיניג:** (אויפהייבנדיק זיין גלאָז הויך) מיר טרינקן פאַר-ן גיזונט פון
דער שענצטער פרוי פון מיין קיניגרייך, די קיניגן אסתר.

**אַלע:** (אויפשטעלנדיק זיך און אויפהייבנדיק זייערע גלעזער) לאַנג לעבן
זאָל די קיניגין אסתר. (טרינקן, שטעלן אוועק די גלעזער און
הייבן אָן זינגען) „לאמיר אַלע אין איינים, אַלע אין איינים אונדזער קי-
ניגין מקבל פּנים זיין". (דער קיניג און קיניגן שטעלן זיך אויף. דער קי-
ניג גיט אַ מאַך מיט דער האַנט. עס ווערט שטיל, אַלע זעצן זיך).

**קיניג:** (ווענדנדיק זיך צו אסתר-ן) טייערע קיניגין, וואָס פאַרלאַנגסטו
פון מיר? ביז אַ האַלבער מלוכה וועל איך דיר געבן,
נאָר באַהאַלט נישט פון מיר דיין וואונטש.

**אסתר:** (שטעלט זיך אויף מיט קיניגלעכן שטאָלץ) אויב איך האָב גיפונין
חן אין דעם קיניג-ס אויגן און אויב דער קיניג וויל
עפּיס טון פאַר מיר זאָל מיר געשענקט ווערן מיין לעבן און דאָס
לעבן פון מיין פאָלק, ווייל מיר זענין פאַרמשפּט אויסגיהרגיט
צו ווערן. (בלייבט שטיין).

**קיניג:** וואָס איז דיין פאָלק? און ווער איז דער וואָס האָט
גיוואַגט דיך אָדער דיין פאָלק-פאַראורטיילן צום טויט?

**אסתר:** איך בין אַ יידישע טאָכטער, און מיין פאָלק איז דאָס
יידישע פאָלק, מרדכי איז מיין פעטער. (אָנווייזנדיק אויף
המן-ען) און, אָט ער, דער רשע המן האָט גוזר גיוועזן אונדז
אַלעמין אויסצוהרגינין.

**חרבונה:** (דינער) קיניג, ער האָט אויפגישטעלט אַ קלאָץ אויף
וועלכן ער וויל אויפהענגין מרדכי-ן, וואָס האָט גי-
ראַטיוועט דעם קיניגס לעבן.

**קיניג:** (מיט צאָרן) נעמט אים, (אָנווייזנדיק אויף המן-ען) און הענגט
אים אויף דעם קלאָץ וואָס ער האָט צוגיגרייט פאַר
מרדכי-ן.

**המן:** (פאַלט צו די פיס פון דער קיניגין) טייערע קיניגין און הייבט
אויף די הענט מיט אַ גיבעט.

**קיניג:** (שטאַרק אין כּעס צו אַ דינער) שלעפּט אים אַרויס און הענגט
אים אויף!

**צוויי דינער:** (שלעפּט המן-ען, נעמין אַראָפּ דעם רינג פון זיין פינגער
און גיבן אים צום קיניג, מיט אַ גמרא-ניגון) ווער עס
גראָבט אַ גרוב פאַר יענים פאַלט אַליין אַריין.

**המן:** (רייסנדיק זיך) אַ קיניגין, אַ קיניגין (אָפּ).

**קיניג:** (צו אַ דינער) רופט אַריין מרדכי-ן.

(דינער גייט אַרויס און קומט צוריק מיט מרדכי-ן).

**קיניג:** (צו מרדכי-ן וועלכער פאַרנייגט זיך) מרדכי, היינט מאַך איך
דיך פאַר דעם העכסטן מיניסטער פון מיין לאַנד, שרייב
אָן אַ בריוו און צעשיק אים איבער אַלע עקן פון מיין מדינה.
דערקלער אַז קיינער טאָר נישט טון קיין בייז די יידן. אויב
עמיצער וועט עס טון, זאָלן זיך די יידן אַנטקייגן שטעלן און זיך
פאַרטיידיקן. שרייב דאָס אין מיין נאָמין און חתמה די בריוו מיט
דעם רינג (טוט מרדכי-ן אָן דעם רינג) (אַלע בייגן אַראָפּ די קעפּ).

**קיניג:** (צו אַ דינער) ברענג קיניגלעכע קליידער פאַר מרדכי-ן, ער
בלייבט אונדזער גאַסט. (צו אַ צווייטן דינער) די גיי און
לאָז אויספּויקן אין די גאַסן, אַז קיינער טאָר נישט אָנרירן קיין
יידן, און אַז המן-ען האָט מען אויסגיהאַנגען (אין דער צייט האָבן די
דינער אָנגיטון מרדכי-ן. קיניג ווייזט אים המן-ס פּלאַץ. מרדכי זעצט זיך, קיניג
הייבט אויף זיין גלאָז וויין. אַלע טון אים נאָך). „ברוך מרדכי!" (טרינקן וויין)

**אַלע געסט:** „ברוך מרדכי!".

(פון גאַס הערט זיך פּויקן און גישרייען „ארור המן").

**מרדכי:** (שטעלט זיך אויף פאַרנייגט זיך) גרויסער קיניג, אין נאָמין
פון אַלע יידן וועל איך דערקלערן דעם היינטיקן טאָג

פאַר אַ יום-טוב. יעדעס יאָר, דעם פערצענטן אדר וועלן זיך די
יידן פאַרזאַמלין און דערציילן זייערע קינדער די מעשה פון
פורים. אויך המן-ס נאָמין וועט דאָרט דערמאָנט ווערן, אָבער
בלויז צו ווייזן דער וועלט דעם סוף פון די המן-ס, וואָס ווילן
שלעכטס טון ערלעכע מענטשן. (אַלע קלאַפּן, „בראַוואָ" און רופן אויס
„ברוך מרדכי") די טיר עפנט זיך. פיניף מיידלעך אָנגיטון אין
שוואַרצע קליידער מיט ווייסע בענדער קומין אַריין. אויף דעם
באַנד פון יעדן מיידל איז צוגישפּיליט אַן-אות: פּ. ו. ר. י. ם...
פּ. האַלט אַ קאָרב איבערגידעקט מיט אַ ווייסן טוך מיט אַן-אויס-
שריפט י. שלח מנות. די פיניף מיידלעך פאַרנייגן זיך און שטעלן
זיך אַזוי, אַז די פיניף אותיות לייענין זיך פ-ו-ר-י-ם.

**מיידל מיטן פ,** (מאַכט אַ טריט צו דער קיניגין).

טייערע קיניגין, אסתר.
דיין יום-טוב איז דער בעסטער
מיר און אַלע יידן,
בענטשן דיך מיט פרידן,
און צום אָנדענק פון אסתר תענית,
ברענגין מיר דיר שלח מנות,
(דערלאַנגט דער קיניגין שלח מנות),

**קיניגין אסתר:** (שטעלט זיך אויף)

מיט ליבע און דאַנק,
נעם איך אָן דעם גישאַנק
און בעט מיינע שוועסטער און ברידער,
דאָס יעדן פערצנטן אדר
זאָלן זיי, אָרים צו רייך,
שיקן זיך שלח מנות גלייך (אַלע קלאַפּן בראַוואָ)

(די טיר עפנט זיך אַ גרופּע קינדער און שיינע מאַסקיס מיט
גרעגערס אין די הענט קומין אַריינצושפּרינגין און זינגין)

קומין מיר אַריין צו שפּרינגין (שפּרינגין און טאַנצן)
אויף די פיסלעך לויז.
אונדזערע גרעגערס קלינגין (קלינגין)
מיט המן-ען איז שוין אויס
זינגין מיר לויבן מיר שושנת יעקב
זינגין מיר לויבן מיר שושנת יעקב.

אַלע שטעלן זיך אויף, אחשורוש און מרדכי נעמין אסתר-ן ביי די
הענט. די פאַרמאַסקירטע קינדער וואָס האָבן גיבראַכט דעם שלח-
מנות נעמין זיך פאַר די הענט, טאַנצן אין אַראָד, אַלע זינגין
דאָס לעצטע ליד.

שרה לאה ליבערט

---

# לעצטע וואָרינונג!

אין אַ טייל ערטער, זענין ביזן היינ-
טיקן טאָג נאָך פאַרבליבן אונדזערע תרו-
מות-חברה-ביכלעך נישט ערלעדיקט. היות
אין קימינדיקן נומער וועלן מיר געבן די
רשימה פון די זאַמלער, וועט גלייכצייטיק
גיגעבן ווערן די נעמין פון די וואָס האָבן
מיסברויכט מיטן פאַרטרויען פון דער צענ-
טראַלע צו זיי נישט אָפּשיקנדיק דאָס
געלט פון ת"ח און נישט די ביכלעך
לויט די ציגישטע קוויטן.

**דער גורל אויף די פּרעמיעס איז שוין**

**אַנטגילטיק באַשטימט אויף ר"ח ניסן.**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 066 a 065-066 הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 13 מתוך 24

שעה האבן אַלע ווייבערישע הענט מקבל קנין גיווען אויף דער ווייבערישער רעוואָלוציע, וואָס האט אויסצובּרעכן פערצן טאָג אינים צוועלפטן חודש, דעם חודש אדר.

ערשט גייטס אַהיים, גידענקטס אונדזער באַשלוס, האַלט־ס זיך פעסט און זייט מצליח! היינטיקן פורים זאָל אונדז גישעען אַ נס, ווי צו אונזער מוטער אסתר — האט זיי די רביצין אָנגיזאָגט און גי־בענטשט.

אמן, הלואי! — האבן אַלע ווייבער גיענפערט.

ווען די ווייבער זענין אַהיים גיקומען, זענין שוין די מענער גיווען צוריק פון דער סעודה, אויך דער רב האט שוין גיוואַרט מיט־ן שמש אין דער קיך, די ווייבער זאָלין אַרויסגיין פון זיין בית־דין־שטוב.

### ג.

**ויהי** — און ס־איז גיווען ווען די ווייבער זענין אַהיים גיקו־מין שפעט ביינאכט, און די מענער האבן זיי גיפרעגט וואו ווי זענין עס גיווען, האבן זיי צו זיי אַלץ דערציילט, אַזוי ווי די רייד וואָס מ־האט גירעט און באַשלאָסן ביים רב אין בית־דין־שטוב.

כשמעם — אַזוי ווי די מענער האבן דאָס גיהערט, איז זיי גיוואָרן ביטער אין מויל און פינצטער פאַר די אויגן פון דער שלעכטער בשורה, און זיי האבן זייער גיטרויערט, און נישט גיקענט אַ גאַנצע נאכט שלאָפן.

וישכימו בבוקר — און יעדער כעלמער בעל הבית האט זיך אויפ־גיהויבן גאַנץ פרי און גיגאַנגין אין בית־מדרש אַריין, און דאָרט איז גיוואָרן אַ גישריי און אַ גיליאַרם, און דאָס פאלק האט גי־שריגן צום רב מיט יאשקע ראש הקהל, זיי זאָלן זיי מציל זיין פון דער שלעכטער גזירה. אויך דער רב מיט יאשקין האבן שטאַרק מורא גיהאַט, די ווייבער זאָלן נישט צונעמין ביי זיי די ממשלה. און ס־איז גיבליבן מארגן צו מאַכן אַן־אסיפה, צו באַ־קלערן ווען עס זאָל זיין די אסיפה, וואָס זאָל זיך מיישב זיין, צי מען זאָל מאַכן אַן־אסיפה, ווענן זוכן עצות אָבצואווענדן די טרויעריקע גזירה.

איז אַ גאַנצן חודש שבט גיווען אסיפות, און ס־איז גיבליבן מ־זאָל פון ראש חודש אדר ביז פורים, מאַכן יעדין מאנטיק און דאנער־שטיק צו פאַסטן און עסן בייגל מיט אַש און קיילעכדיקע אייער, אויך זאָגן סליחות און [illegible] אָפּצוטון פון כעלם דער שטאָט די שרעקלעכע גזירה.

און עס איז גיווען ווען ס זענין גיקומין, 3 טעג פאַר פורים, קיין כעלם, די הענדלער־ס פון המן־קלאפערס, גרעגער־ס און מגילה־לעך האט קיינער ביי זיי נישט גיוואָלט קויפן. און מ־האט זיי גיהייסן צוריקפאָרן ברענגין קינות צו פאַרקויפן, און די כעלעמער בעלי בתים האבין זיי גיוויזן זייערע זעק אין תעניתים, און דערציילט דאָס גאנצע שלעכטס וואָס קומט אויף זיי.

און ס־האט זיך גיפונין צווישן די פרעמדע גרעגער־הענדלערס איי־נער אַ קלוגער און בראַווער מאן, האט ער גיטון צו די כעלעמער בעלי בתים אַזוי זאָגן: מאכט־ס נאך היינט ביינאַכט, נאך דער מג־ילה, די לעצטע אסיפה און רופט מיך אויך צו דער אסיפה, וועט איר זען אַז כ־בין אַ שליח פון הימל אייך צו ראטיווין פון אייער צרה.

האבן זיי אַזוי גיטון, גימאכט נאכאמאָל אַן־אסיפה און גירופן אויך דעם פרעמדן גרעגער הענדלער.

### ד.

**ויהי** — און ס־איז גיווען ווען אַלע כעלעמער בעלי בתים זענין זיך צונויפגיקומין צו דער אסיפה האט דער ייִד זיי גיפרעגט: זאָגט מיר כעלעמער בעלי בתים, צו האט איר שפיגלין אין אייערע שטובן?

אוודאי האבן מיר — [illegible] אַלע כעלמער אויסגישריגן בקול רם.

מיר האבן ליב זיך צו שפיגלין, כדי אָנצוקוקן אַ קלוגן מענטש — האט שטאלץ צוגיבאַסיוויט יאשקע דער ראש הקהל.

אם כן — אויב אַזוי, האט דער פרעמדער ייִד גיזאָגט, האב איך פאַר אייך אַזאַ עצה: זאָל דער רב זאָל לעבן, שוין נאך היינטיקע נאַכט, כל זמן ער איז נאך רב אין שטאָט, איידער די רביצין נעמט איבער דאָס רבנות, זאָל ער גוזר זיין מיט אַ חרם און איסור, אַז לכבוד דער שמחה פון פורים מוזן אַלע איינוואוינער פון דער שטאָט כעלם מארגן באלד אין דער פרי זיך פאַרשטעלן; ווייבער זאָלן אָנטון מענערישע בגדים, און די מענער — ווייבערישע קליידער. דער איסור אַז „אַ מאַן זאָל נישט אָנטון קיין ווייבערישע קליידער, און מענער־קליידער זאָל נישט אַרויפקומען אויף אַ פרוי" זאָל אויפן קריטישן פורים־דיקן טאָג, אַראָפּגינומין ווערן. און ווען אַלע וועלן שוין האבן מארגן אין דער פרי זיך איבערגי־קליידט און פאַרשטעלט, זאָלט איר די ווייבער צופירן צום שפיגל, צוזאמין זיך איינשפיגלין — אויך דער פאַרבאָט ווערט ערלויבט! — און זיי וויזן דאָס זיי זענין שוין מענער און איר די ווייבער. ממילא וועלן זיי, לויט זייער אייגינים באַשלוס, גיין אין קיך אַריין צוגרייטן אַלע מאכלים אויף פורים, און אייך אַריינדער־לאַנגין אויבנאָן צום טיש.

וייטב דבריו — זענין זיינע רייד וואוילגיפעלן צו אַלע כעלעמער בעלי בתים. און זיי האבן גיזאָגט: הנמצא כזה גיפינט מען נאך אין גאַנץ כעלם אַזאַ קלוגן מענטש ווי דער ייִד. נישט אַנדערש, נאר דאָס איז אליהו הנביא.

און ס־איז גיוואָרן ששון ושמחה ביי די כעלעמער. מ־האט דעם ייִד פשוט גיקושט פאַר זיין קלוגער עצה, מ־האט שוין אויך אויס־גיקויפט פאַר גוט געלד זיין ביסל פורים־סחורה. באלד זענין די שמשים אַרויסגילאָפן אָנזאָגן אין אַלע כעלעמער שטובן פון דער נייער תקנה פון קהל מיט־ן רב, אַז מארגן אין דער פרי, מוז גאַנץ כעלם, אונטער אַ חרם מיט אַ איסור, זיך פאַר־שטעלן.

ויעשו כן — און אַלע האבן פורים אין דער פרי, אַזוי גיטון, און זיך פאַרשטעלט, מאַנספּערשוינין פאַר ווייבער און ווייבער פאַר מאַנספּערשוינין. דער רב האט אָוועקגיגעבן דער רביצין דעם ספּאַדיק מיט־ן שטעקן, און אַליין האט ער אָנגיטון איר קלייד און הויב. אויך יאשקע מיט אַלע בעלי בתים האבן זיך גיטוישט מיט די ווייבער מיט זייערע בגדים, און ווען יעדע ייִדיני האט דער־נאך גימאַלדן דעם מאַן, אַז היינט מאכט מען די ווייבערישע רע־וואָלוציע, האט ער איר צוגיפירט צום שפיגל און גיוויזן, אַז ער איז דאָס ווייב, און זי גאַר — דער מאַן, האט זי שוין מער גאָר־נישט גירעט, נאר מיט שמחה אויף דעם ווייבערישן נצחון, גי־גאַנגין אין דער קיך אַריין אָנגרייטן אַלע גוטע זאכן לכבוד פורים אַריינצודערלאַנגן דעם מאַן אויבנאָן צום טיש.

און כעלם האט דעמלט גיהאַט אַ פריילעכן פורים, אַלע האבן זיך גיפרייט, עס האבין זיך גיפרייט די מענער, און ס האבן זיך גי־פרייט די ווייבער, יעדער מיט זיין נצחון, און אַלץ אַ דאַנק דעם „איש מסכן חכם" — דעם אָרימין קלוגן מאַן, וואָס האט גיראַטיוויט די גאַנצע שטאָט.

והעיר כעלם צהלה ושמחה!

פון דעמלט אָן צום זכר פון נס איז אַ מנהג אין כעלם — פון דאָרט אַריבער אויך בכל תפוצות ישראל — פורים זיך צו פאַר־שטעלן. מענער טון זיך אָן ווייבערישע קליידער, און ווייבער — מענערישע בגדים. מען מאכט פורים מיט ליינין די מגילה און שיקן שלח מנות און ס־איז „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר"!

**בן־איש**

# גראַס אַגילאַר

## דאָס לעבן און שאַפן און פריצייטיקן טויט פון דער רעליגיעזער קינצלערין אין לאַנדאָן.

**די** יידישע פרוי האט שטענדיק גינומען אַ אַקטיוון אַנטייל אינים לעבן פון יידישן פאלק. אויפן גיביט פון צדקה און פילאַנטראַפיע האט זיך די יידישע פרוי שטענדיק מער אויסגיצייכנט פונים מאַן. אבער אויך אויפן גייסטיק-קולטורעלן גיביט האבן נישט גיפעלט די נעמין פון יידישע פרויען, וואָס זענין פאַרשריבן גיוואָרן מיט גאלדינע אותיות אין דער גישיכטע פון יידישן פאלק צו די דאזיקע פרויען האט אויך גיהערט פרל. גראַס אַגילאַר.

דער נאמין קלינגט שפּאַניש, עס דערמאַנט אין נעמין פון יידן, וואָס זענין אומגיקומין אויפן פייער פון דער אינקוויזיציע.

גראַס אַגילאַר איז גיבוירן גיוואָרן אין יאָר 1816 אין לאַנדאָן. זי האט גישטאַמט פון אַ פאַמיליע מאַראַנין, וואָס זענין מיט יאָרן צוריק אַנטלאָפן פון שפּאַניע, און דא אין ליבעראַלן און טאָלעראַנטן ענגלאַנד צוריק אָנגינומין דאָס יידנטום. און אט דאָס דאָזיקע אוראייניקל פון מאַראַנין, האט מיט אַ פיינער פעדער ווי אַ ג—ט גיבענטשטער קינצטלער גישילדערט די ליידן און פיין פון אירע עלטער זיידעס אין שפּאַניע און זיי פאַראייביקט אין ראָמאַנין און אין גרעסערע נאָוועלן. אַ קינצלערין מיט אַ טיף רעליגיעזן גיפיל האט גראַס אַגילאַר אַריינגיהויכט אין אירע קינצלערישע ווערק, וואָס זענין נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ פערל אין דער יידיש-ענגלישער ליטעראַטור — דעם יידיש-רעליגיעזן אָטעם און יידישער מאָראַל. קליינערהייט איז זי גיוועזן אַ וואונדער קינד. זי האט זייער פרי אָנגיהויבן צו ליינין און אַלס 7 יעריק קינד האט זי שוין גיפירט אַ טאָג-בוך, אין וועלכן מען האט דערקענט די צוקונפטיקע קינצלערין. צו 12 יאָר האט זי שוין אָנגישריבן אַ דראַמאַ „גוסטאַוו וואַדאַ". און אַביסל שפּעטער האט זי פאַרעפנטלעכט אַ ביכעלע לידער. אַ צאַרטע און אַ פיינפילנדע עמפינדלעך אויף אַלעם, וואָס איז יידיש און דערצו אַ פליסיקע האט זי אַ סך גילערנט, גילייענט און אַליין גישריבן.

די עלטערן האבן שטאַרק מורא גיהאַט פאַר איר גיזונט-צושטאַנד. זי איז גיוועזן פון קינדווייז אויף אַ שוואַכע און אַ צאַרטע. איר גייסטיקער טאַלאַנט איז גיוואַקסן אויפן חשבון פון דער גיזונטער פיזישער אַנטוויקלונג און דערצו האט דער ביטערער גורל גיוואָלט, אַז די דאזיקע טיף-רעליגיעזע קינצלערין זאָל אין איר פריסטער יוגנט זיך באַקענין מיט די האַרטע גרויזאַמקייטן פונים לעבן. אין מאמענט פון איר בליענדסטער יוגנט אין איר צייט וואָס איר קרעפטיקער טאַלאַנט האט זיך אָנגיהויבן צו פלייסן מיט דער שטאַרקסטער שאַפונגס-קראַפט, האט זי באַקומין פון לעבן אַ גיוואַלטיקן קלאַפּ, וואָס האט גיהאַט די שטאַרקסטע השפעה אויף איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

צו 19 יאָר איז איר נעמליך אָפּגישטאָרבן דער פאָטער זי איז איבערגיבליבן אַ יתומה, מיט אַן-אַלטער קראַנקע מוטער, וועלכע איז כמעט שטענדיק גילעגן צו בעט. גראַס אַגילאַר איז טאָג און נאַכט אַרומגיגאַנגין אַרום דער קראַנקער מוטער און אָפּגיהיטן זי ווי אַן-אויג אין קאָפּ. דאָס האט אבער גיווירקט אויף איר צאַרטן שוואַכן אָרגאַניזם און אויף איר גימיטס-צושטאַנד. גוטע פריינט, צווישן וועלכע עס האט זיך אויך גיפונין די באַרימטע קוזינע פון השר משה מאָנטעפיאָרע, יהודית שאַרלאָטאַ מאָנטעפיאָרע האבן איר גיוואָלט געבן געלט, אַז זי זאָל נישט דאַרפן שווער אַרבעטן אויף חיונה פאַר זיך און פאַר דער מוטער. די פיינפילנדע קינצלערין האט אבער נישט גיוואָלט אָננעמין קיין נדבות און בעסער גאַנצע טעג גיהונגערט איידער אָנצוקומין צו מענטשן.

און גראַד אין אט דער דאָזיקער טרויעריקער צייט שאַפט זי איר באַרימט ווערק, וואָס האט איר גיגעבן אַ נאָמין און פּאָפּולאַריטעט אַלס שריפטשטעלערין. צו יענער צייט גיהער איר קינצלערישער ראָמאַן ווערק „אין טאָל פון די צעדערן". אַ ראָמאַן וואָס שילדערט דעם ביטערן גורל פון די יידן, וואָס זענין אַרויסגיטריבן גיוואָרן פון שפּאַניע. צו יענע שווערע מאמענטן פון איר לעבן גיהער אויך איר רעליגיעז-פילאָזאָפיש ווערק „דער גייסט פון יידנטום". און „ישראל-ס פאַרטיידיקונג". ווערק וואָס דערהייבן זיך צו דער העכסטער מדריגה פון טיפסטן דענקונגס-קראַפט און רעליגיעזן עקסטאַז און טיפן גלויבנס-ליריזם. זי האט דאַן אויך גישריבן דאָס ווערק „יידישע פרויען" אין וועלכע זי שילדערט דאָס לעבן פון באַרימטע יידישע פרויען. אַחוץ דעם האט איר פעדער אַרויסגיגעבן אַ גרויסע צאָל קלענערע און גרעסערע נאָוועלן, וואָס כאַראַקטעריזירן דאָס יידישע פאַמיליען-לעבן און דער איינפלוס פון דער פאַמיליע אויף דער ערציאונג.

די אָנגישטרענגטע גייסטיקע אַרבעט פון איין זייט און דאָס שטענדיקע אומגיין אַרום דער קראַנקער מוטער. און דערצו נאָך ביי אַ האַרט אָרים לעבן, וואָס זי האט גימוזט שווער אַרבעטן אויפן שטיקל ברויט האבן גיהאַט זייער ווירקונג אויף דער גרויסער קינצלערין. גראַס אַגילאַר איז ענדלעך צוזאַמיגיבראָכן גיוואָרן פון דער גרויסער אָנשטרענגונג און איז קראַנק גיוואָרן אויף אַ מחלה, וואָס גיט שוין נישט מער קיין שום האָפנונג גיהיילט צו ווערן. די קינצלערין איז קראַנק גיוואָרן אויף שווינדזוכט.

אַ פּאָר יאָר האט זיך די קינצלערין גימאַטערט מיט איר שווערער קראַנקהייט. און ענדלעך אין יאָר 1847 האט זי דער טויט באַפרייט פון די ליידן.

די קינצלערין האט גיוואוסט אַז זי גייט שטאַרבן, אַ פּאָר מינוט פאַרן טויט האט זי צוזאַמינגירופן די קראַנקן שוועסטערן פון שפּיטאָל אין מיט אַ שוואַכע גסיסה שטימע גיזאָגט דעם פסוק פון איוב „הן יקטלנו – ולו איחל" „אפילו ווען איר פייניקט מיך צום טויט, האָב איך אַלץ צוטרוי צו אים". (איוב קאַפּ. י"ג, פסוק ט"ו).

מיט די דאזיקע ווערטער אויף די ליפן איז אָפּגישטאָרבן די יונגע פיל, צוזאַגנדע יידישע קינצלערין. זי איז אינגאַנצן אַלט גיוועזן 31 יאָר. אַ קורץ ליידנד לעבן פון אַ טיף רעליגיעזער יידישער קינצלערין...

---

דאָס נייע לייענבוך פאַר שול און היים

**„די יידישע נשמה"**

פון **אליעזר שינדלער**

מיט אַ הקדמה פון ד"ר

**נתן בירנבוים**

**גייט אַרויס אי"ה אויף פסח**

דאָס בוך „די יידישע נשמה" וואָס האט גיזאָלט אַרויסגיין נאָך אָנהייב ווינטער, איז צוליב טעכנישע שוועריקייטן אַ ביסל אויפגיהאַלטן גיוואָרן.

**במשך** דער צייט איז אבער אויך אָנגיקומין פונים מחבר אַ סך נייע מאַטעריאַלן און דער תוכן פון ביכל איז אַ סך פאַרמערט גיוואָרן מיט פיל נייע ליטעראַרישע אַרבעטן.

**עס** קומין אויך אין ביכל, אַ אוצר פון בילדער און אילוסטראַציעס, ווי אויך נאָטן צו די וויכטיקסטע לידער!

**דער** פרייז פון ביכל איז 2 גילדן! פאַר די אַבאָנענטן, וואָס צאָלן איין אויף אַ קוואַרטאַל פון יום-טוב נומער אָן נאָר 1.40 גר.

**דאָס** גאַנצע בוך איז גידרוקט אויף שיין פּאַפּיר, ליכטיקע פאַרשיידינע אותיות און מיט אַ דיקער הילע!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 065-066 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# המן־ס ירושה...

(א אויסטערלישע מעשה וואָס האט פאַסירט אין די צייטן פון האר״י הקדוש)

## א.

ויהי און עס איז גיוועזן אין די טעג, ווען ישמעאל האט זיך גישטאַרקט איבער ישראל און דאָס מלכות פון דער האַלבער לבנה האט דערגרייכט פון פַּדַן אַרַם ביזן סועץ דאָס איז עציון גבר און פון פְּרָת ביז צום ירדן. און אין סיריען דער מדינה וואָס איר הויפט שטאָט איז דַמֶשֶק, איז גיוועזן אַ גרויסער און שטאַרקער פאַשאַ, די רעכטע האנט פון קאַליף, וואָס אין באַגדאַד. און דער פאַשאַ, האט אָנגיזאַמעלט געלד און זילבער אין זיינע פּאַלאַצן, און די שווערסטע איידעל־שטיינער פון גאַר דער וועלט אין זיינע אוצרות אין זיין תאַווה צו געלט האט זיך אלץ נישט גיקענט זעטיקן.

און דער פאַשאַ האט גיוואָרפן אַן־אויג אויף די יידישע הייזער, וואָס אין דמשק אין סיריען און גיזעען, אַז זיי זענען פול מיט כּל טוב און עס זענען דאָ יידן, וואָס האנדלין מיט מצרים און פּרס און זייערע שיפען מיט סחורות גייען צו די וויטסטע אינזלין פון ים. האט ער גיגלוסט צום יידישן געלט, אין זיין האַרץ האט גיברענט די תּאַוה צום יידישן עשירות. און ער האט גיטראַכט הונדערט און זיבעצוואַנציק טעג אַן־עצה וואָס צו טון מיט די יידן. און אויפן הונדערט און אַכטאונצוואַנציקסטן טאָג האט ער גילאָזט רופן די גרעסטע לייט פון די יידן, וואָס אין דמשק און צו זיי אַזוי גיזאָגט:

— הערט מיך אויס יהודים! איך דער גרויסער פאַשאַ, וואָס גיוועלטיק איבער סיריען דער מדינה מיט דער גנאַד פון גרויסען קאַליף, וואָס אין באַגדאַד, וויל זיך אַצינד לאַדינגן מיט איַיך, יהודים פון סיריען. מיר קומט ביי אייך פיל גאלד און זילבער. וואָרום איך בין אַן־אייניקל פון המן בן המדתא, וואָס אייערע עלטער־זיידעס אין שושן הבירה האבן אופגיהאנגין אויף אַ בוים. מיין־עלטער זיידע המן האט אָפּגיוואויגן זייער מלך אחשורוש צענטויזנט צענטנאַר זילבער, אַז ער זאָל ארויסגעבן אַ באַפעל צו פאַרטיליקן אַלע פון פרס ומדי. איר האט מיטן כישוף פון אייער אסתּר המלכה אָפּגישאַפט די גזירה און איר זענט לעבן גיבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אבער די צענטויזנט צענטנאַר זילבער, וואָס מיין זיידע המן האט אָפּגיוואויגן פאַר איַיך, האט מען אים נישט צוריק גיגעבן, נישט אים און נישט זיינע קינדער נאָך אים. און אַצינד בין איך גיקומען, דער גרויסער פאַשאַ פון סוריען דער מדינה, און פאַרלאַנג פון איַיך דאָס געלט פון מיין זיידע המן, און אויב איר וועט זיין איינגישפּאַרט און הארטנעקיק און נישט וועלען אָפּגעבן דעם חוב, און איר וועט זאָגן, אַז איר זענט אָרים און איר האט נישט אַזוי פיל געלט, וועל איך באַוויַיזן די גזירה פון מיין זיידע המן: להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים פון סיריען דער מדינה, און קיינער וועט נישט זאָגן אַז מיט מיר רוט אַן־עוולָה, וואָרום איך פאַרלאַנג נאָר די ירושה, פון מיין זיידע המן.

און עס איז גיוועזן, ווען די גרויסע לייט פון די יידן, וואָס אין דמשק האבן דאָס דערהערט, האבען זיי אָנגיהויבן צו וויינען און צו קלאָגין און צו בעטן דעם רשע:

— האב רחמנות אויף אונדז און אונדזערע ווייבער און קינדער, וואָרום אַז מיר זאָלן אפילו קענין איינזאַמלין דאָס גאַנצע געלט פון אַלע יידן וואָס אין סיריען אין דיין הויז אַריין, וועט עס אויך נישט באַטרעפן קיין צענטויזנד צענטנאַר זילבער. און ווי אַזוי קאנסטו דאָס, גרויסער האַר, פון אונדז פאַרלאַנגין?

און דער רשע האט זיך גימַצכט זיין האַרץ ווי פון שטיין און אַזוי גיענטפערט: דאָס איז אַ גזירה פון מיר: אויב איר וועט מיך פאָלגן און אָפּגעבן די צענטויזנט צענטנאַר זילבער פון מיין זיידע המן, וועט אייך נישט גיקרומט ווערן קיין האָר אויפן קאָפּ, און אַז איר וועט נישט פאָלגן, נייערט איר וועט זיין איינגישפּאַרט און זאָגן: מיר זענען אָרימע לייט, מיר האבן נישט אַזוי פיל געלט, וועל איך אַרויסגעבן אַ באַפעל צו אַלע שטעט פון סיריען דער מדינה להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים. און זעט, איך גיב אייך אַ באַשטימטן טאָג. ביז די האַלבע לבנה וועט זיין פול אין חודש אָדר אויפן הימל, דעם דריַיצנטן טאָג פון דעם חודש, מוזט איר מיר צושטעלן דאָס געלט. און אַצינד גייט אַוועק פון מיינע אויגן.

זענען די גרויסע לייט פון די יידן אַרויס פון דעם רשע און איינגיזאַמלט די גאַנצע עֵדָה אין דער גרויסער שול, וואָס אין דמשק און זיי דערציילט, וואָס דער רשע טראַכט צו טון מיט די יידן. האָט זיך אויפגיהויבן אַ גרויסע יללה פון אַלט און יונג און דאָס גיוויין איז גיגאַנגין עד לב השמים.

## ב.

בַּיָמִים הָהֵם, אין די דאזיקע פינצטערע און ביטערע טעג האט אין צפת דער הייליקער שטאָט פון ארץ יהודה גילעבט אַ גרויסער צדיק, וואָס זיין אויג האט גיזען פון איין עק וועלט צו דער צווייטער און אַלע צרות פון יידן בכל תפוצות הגולה זענין פאַר אים נישט גיוועזן פאַרהוילן און ער האט גיבעטן דעם וואָס לעבט אייביק, אַז מ־זאָל מבטל זיין די גזירות. ושמו — דער נאָמין פון דעם הייליקן צדיק איז גיוועזן רבי יצחק בן שלמה, בן לוי לוריא, המכונה, וואָס ווערט אָנגירופן אין מויל פון אַלע יידן אין גלות מיטן הייליקן נאָמין האר״י הקדוש.

און עס איז גיוועזן, ווען דער האַר״י האט מיט זיין אויער דערהערט דאָס גיוויין פון דער יידישער עֵדָה, וואָס אין דמשק און גיזעען מיט זיינע הייליקע אויגן די סכנה וואָס שוועבט איבערן קאָפּ פון פאלק ישראל אין סיריען דער מדינה האט ער תּפילה גיטון צו ג־ט ברוך הוא, אַז מ־זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין פאלק ישראל און זיי אויסלייזן פון רשע־ס האַנט. און אַ בריוו האט דער הייליקער האַר״י גישיקט צו די גרויסע לייט פון די יידן, וואָס אין דמשק און צו זיי אַזוי גישריבן:

— עדה קדושה וואָס אין דמשק דער הויפטשטאָט! צוליב אייערע גרויסע זינד האט ג־ט אויף אייך אָנגירייצט דעם רשע, דער דאָ וואָס זאָגט, אַז ער איז אַן־אור אייניקל פון המן בן המדתא. שרעקט אייך נישט פאַר דעם באַלייַדיקער, האט נישט קיין מורא פאַר אים, נייערט טוט תשובה צו ג־ט פון גאַנצן האַרץ און דער דאָ, וואָס לעבט אייביק וועט צושטערן די עצה פון דעם רשע, און אייך באַווייזן זיין נס. אַזוי ווי ער האט גיטון צום פאלק ישראל. נעמט נישט צוזאַמין קיין געלט, מאַכט זיך נישט אָרים, גיט נישט דעם רשע אייער פאַרמעגן, וואָרים ג־ט, דער שומר ישראל, לאַכט פון דעם רשע און זיין עצה וועט צושטערט ווערן.

און די יידן וואָס אין דמשק האבן איבערגילייענט דעם בריוו פון אַר״י הקדוש, וואָס אין צפת דער שטאָט פון די הייליקע צדיקים אין יהודה, האט זיך זייער האַרץ באַרואיקט און גיוואָרט מיט בטחון אויף דעם נס, וואָס ג־ט וועט באַוויַיזן צו די פאַרטריבינע אין אָרם. וואָרום זיי האבן גיהערט פונים הייליקן אַר״י און פון די גרויסע נסים און וואונדער וואָס ג־ט, ברוך הוא, האט באַוויזן דורך זיין האַנט.

ארכיון אסופות



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 065-066 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

און זיי האבן פונאנדערגישיקט שליחים מיט בריוו צו אלע קהלות וואס אין סיריען דער מדינה און זיי גישריבן, אז מ׳זאל זיין רואיק און נישט ציטערן, ווארום ג-ט אין הימל דער שומר ישראל, וועט שיקן זיין נס און ארויסראטיוון די יידן פון דעם רשע־ס האנט.

ג.

און ג-ט האט גימאכט אראפנידערן אויף דער וועלט א שרעקלעכע נארט. דער הימל איז גיוועו פארצויגן מיט בלייענע, שווערע וואלקנס, אנגיפולט מיט וואסער פון ששת ימי בראשית צו פארפלייצן די גאנצע וועלט און אפצומעקן דאס שלעכטס, וואס האט זיך אנגיזאמלט אויף דער ערד.

און א שטארקער צפון ווינט האט גיבלאזן פון ים, און אלע פינצטערע מלאכי חבלה זענין ארויסגילאזט גיווארן פון גיהנים צו פארשפרייטן טויט און פארניכטונג צווישן די זינדיקע מענטשן. בלילה, אין דער דאזיקער שרעקליכער נאכט איז פארוואגלט גיווארן דער שלאף פונים פאשא, וואס אין דמשק דער הויפט שטאט פון סיריען און עס חלומט זיך איט א שרעקלעכער חלוב.

והנה, ער שטייט אויפ-ן גרויסן מארק, וואס אין דמשק. און אופן מארק שטייט א הויכע תלי׳, פיפציק איילן די הויך. און אויף דער תלי׳ הענגין עליף מענטשן, און איין שטריק מ ט אנ-אייזערנים האק איז גאך פריי. און דער פאשא האט זיך גיפרעגט פארוואונדערט: ווער זענין די דאזיקע עליף מענטשן צו הענגין דא אויף דער תלי׳ און פאר וועמין איז אנגיגרייט דער צוועלפטער שטריק?

און ווי ער האט ארויסגירעט דידאזיקע ווערטער האט ער געהערט אונטער זיך א גרויס גילעכטער און א שרעקליך קול האט זיך צי אים אנגירופן:

— רשע דערקענסטו נישט דיין עלטער-זיידע המן מיט זיינע צען קינדער, וואס זענין אויפניהאנגין גיווארן אין שושן הבירה. און די צוועלפטע שטריק, זיי וויסן איז אנגיגרייט פאר דיר.

און דער רשע האט זיך שטארק דערשראקן און גיוואלט אנטלויפן פונים מארק. און ווי דאס קול האט גיענדיגט די שרעקליכע רייד, איז צוגילאפן צום פאשא א מענטש מיט רויטע פייעריקע הענט און אים ארויפגיצויגן אויף דער שטריק.

און דער רשע האט אנגיהויבן צו וויינין און צו קלאגן, מען זאל רחמנות האבן אויף אים און לאזן לעבן.

האט דער מענטש אין די רויטע קליידער צו אים אזוי גיזאגט:

— רשע מרושע, א מענטש וואס האט נישט רחמנות אויף אנדערע, וואס ער וויל אויסשעכטן אלע יידן, וואס אין סיריען, קאן נישט בעטן קיין רחמנות פאר זיך.

האט זיך דער רשע שטארק דערשראקן פאר די רייד און פארשטאנין, אז דער ג-ט וואס האט זיך אנגינומין פאר זיין פאלק ישראל אין פרס ומדי, וויל אים אויך אצינד שטראפן מיט זיין שטארקער האנט.

און דער מענטש אין די רויטע קליידער האט צו אים וויטער אזוי גיזאגט:

אויב דו ווילסט נישט הענגין אויף דער תלי׳ און האבן דעם אייגינים סוף, וואס דיין עלטער-זיידע המן, הער צו מיין עצה:

— נעם א בויגן פארמיט און שרייב אויף א כתב, אז די יידן האבן דיר שוין באצאלט די צענטויזנט צענטנאר זילבער און דו דו ביסט מבטל די גזירה.

האט דער רשע אין גרויס שרעק גיטון אזוי ווי דער מענטש אין די רויטע קליידער וואס אינים חלום האט אים באפוילן. אין ער האט גינומין א פארמיט און אויפגישריבן א כתב, אז די יידן האבן אים באצאלט די צענטויזנט צענטנאר זילבער, וואס איז גיקומין ירושה פון זיין עלטער זיידע המן. אונטער דעם כתב האט ער ארויפגיטון דעם קיניגליכן זיגל פון פאשא, וואס אין סיריען דער מדינה.

און עס איז גיוועו, ווען דער פאשא האט אנגישריבן דאס כתב איז גיקומין דער גרויסער צפון-ווינט, וואס האט גיבלאזן פון ים און א ריס גיטון דאס כתב אין דער הויך און עס אוועקגיבלאזן פון מארק, ביז עס איז פארשווואונדן גיווארן פון די אויגן.

און עס האט גיטון א בליץ און א דינער האט אויפגיטרייסלט פאר די גאנצע וועלט, און דער פאשא האט זיך אויפגיכאפט פון שלאף.

האט זיך דער רשע באוואיקט און גיטראכט: דאס אלץ איז נאר גיוועזן א חלום.

ד.

און דער צפון-ווינט האט גיטראגט דאס פארמיט מיטן כתב פונים רשע איבער בארג און טאל, איבער טייכן און ימים, ביז עס איז אנגיקומין קיין צפת און דער שטאט פון צדיקים. און דער ווינט האט אויסגיהאכט א שויב אינים פענצטער פון בית המדרש און די פארמיטינע מגילה מיטן כתב איז אריינגיפאלן דורכ׳ן פענצטער צו די פיס פון אר״י הקדוש, דער דא איז גישטאנין ביים ארון הקודש און תפילה-גיטון צו ג-ט פאר די יידן אין דמשק.

און דער אר״י הקדוש האט פונאנדערגיוויקלט די פארמיטינע מגי ה און איבערגילייענט דאס כתב און גיזעען דעם קיניגלעכן זיגל פון פאשא, האט ער אפגיגעבן א גרויסן לויב צו הקדוש ברוך הוא, דער דא לעבט אייביק און באשירמט דאס פאלק ישראל פון אלעם שלעכטס.

און דער אר״י האט גיטאן דאס פארמיט מיטן כתב און ביט א שליח ע׳ איבערגישיקט צו די אויסדערווילטע גרויסע לייט פון די יידן וואס אין דמשק און זיי גיזאגט, אז זיי זאלן האלטן די זאך בסוד, ביז דעם לעצטן טאג דעם דא דער פאשא האט באשטימט איינצומאנין דאס געלט.

והנה און עס איז גיקומען דער חודש אדר, און די לבנה האט זיך דריי מאל באוויזן אויפן הימל האט דער פאשא גילאזט רופן די גרויסע לייט פון די יידן און זיי גיפרעגט צי זיי האבן פאר אים אנגיגרייט דאס געלט, און אויב נישט, וועט ער מארגן ארויסגעבן א באפעל להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים. אויסצושאכטן און פארטיליקן אלע יידן פון דמשק און פון סיריען דער מדינה.

האבן די גרויסע לייט פון די יידן וואס אין דמשק אויפגיוויקלט די פארמיטינע מגילה און אזוי גיזאגט:

— זאל דער גרויסער פאשא איבערלייגין דאס כתב און באקוקן דעם זיגל.

און דער פאשא האט דערזעען, אז דאס אייגינע שטיק פארמיט וואס ער האט גיזעען אין חלום און דאס כתב האט ער גישריבן מיט זיין אייגינער האנט, און ער האט עס גיחתמ׳ט מיט דעם קיניגלעכן זיגל, וואס אין זיין פאלאץ, האט אים דאס הארץ שטארק גישראקן און אזוי גיזאגט צו די יידן:

— יהודים, אצינד זע איך, אז אייער ג-ט איז גרויס און ער לאזט אייך נישט כון קיין בייז, פון הימל האט מען מיך גיווארנט, אז איך זאל מבטל זיין די גזירה. און אצינד גייט אהיים און מאכט אייך א פריילעכן יום טוב, און פון היינט אן וועל איך אייך שוין קיינמאל נישט מער טון קיין שלעכטס.

און בי די יידן וואס אין דמשק און סיריען האט גיהערשט א גרויסע פרייד. און אלע האבן אפגיגעבן א לויב צום אייבערשטן פאר דעם גרויסן נס, וואס ער האט זיי באוויזן דורך דעם הייליקן צדיק רבי יצחק, בן שלמה בן לוי לוריא, דער דא ווערט אנגירופן האר״י הקדוש פון צפת דער שטאט פון צדיקים.

— — — — — — — — — — — — — —

און די גרויסע לייט פון די יידן וואס אין דמשק דער הויפט-שטאט, האבן אויפגישריבן די וואונדערליכע מעשה אין א ספר. און עס זאל בלייבן לדורות פאר די יידן די דא גיפונין זיך אין סיריען און אין בבל און די, וואס זענין פארשפרייט אין גלות און איבער די וויסטע אינדזלין פון ים.

**תם ונגמר**



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 066-065 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 18 מתוך 24

# אַנ־אינטעריסאַנטע מגילת אסתר

(המשך פון זייט 8)

ווען דער רשע המן איז גיגאַנגין וואַרפן גורל אין וועלכן חודש צו פאַרטיליקן די יידן פון גאַנץ פרס ומדי האבן זיך די חדשים פון יאָר גישטעלט פאַר ג—ט כביכול. אין חודש ניסן איז דאָס פאלס ישראל אַרויסגיגאַנגין פון מצרים, און חודש אייר איז דער מן גיפאַלן, אין סיון האט ג—ט די תורה גיגעבן אויפ-ן באַרג סיני. אבער אין חודש אדר האט זיך המן גיפרייט, ווייל אין חודש אדר איז נפטר גיווארן משה רבינו, דער רשע האט אבער נישט גידענקט, אַז אין דעם אייגינים חודש איז אויך משה רבינו גיבוירן גיווארן.

דער אומבאַקאַנטער מחבר שילדערט גאַנץ אויכפירלעך און מיט אַרייכער פאַנטאַזיע דעם גישפרעך צווישן דעם קיניג אַחשורוש און המן הרשע וועגן דער פאַרטיליקונג פון יידישן פאלק.

דער קיניג האט גיווארנט המנ-ען, אַז ער זאל די יידן נישט טון קיין שלעכטס. ווייל די יידישע שונאים האבן שטענדיק גיהאַט אַ שלעכטן סוף. ער האט אים דערציילט וועגן סוף פון פרעה מלך מצרים, וואָס האט גיפייניקט די יידן, וועגן סיחון ועוג, וועגן די איינאונדרייסיק מלכים פון כנען, וואָס יהושע בן נון האט באַצוואונגין. ער האט אים אויך דערציילט וועגן דער מפלה פון סיסרא-ן און פון סנחריב מלך אַשור. המן האט אים אבער ער־קלערט, אַז ער טראָגט שוין אויף די יידן זייער אַ אַלטע שנאה, ווייל זיי האבן גישלאָגן זיין פאלק די עמלקים, זיין עלטער זיידע עשו איז באַשווינדלט גיווארן דורך יעקב-ן. שמואל און שאול המלך האבן גיפאַנגין זייער עלטער-זיידע, דעם קיניג אגג און אים נאר גילאזט איבערלעבן איבער נאַכט, און דעריבער וויל ער נקמה נעמין פאַר זיינע עלטערן. עס ליגט אינים אינטערעס פונים קיניג „דאָס אומקרויט אויסצוברעכן, עהע זי דען טעמפל רעטען".

ווען אסתר איז גיקומין צום קעניג אומגירופינערהייט. זענען איר צו הילף גיקומין מלאכים. איינער האט זי גימאַכט „קלאר" איי־נער האט זי געלב גימאַכט אירע האָר, און איינער האט פאַר־לענגערט דעם קעניגליכן סצעפטער, אַז זי זאל אים קענין דערלאַנגין.

דאָס האלץ צו דער תלוי' אויף וועלכן ער האט גיוואלט אויפ־העניגין מרדכ-ן און איז צום סוף אַליין אויפגיהאנגן גיווארן," האט ער אויף דער עצה פון זיין ווייב זרש גינומין פון נח-ס תיבה, וואָס איז גיוועזן פיפ:יק איילן ברייט.

די שפראַך פונים ביכל און די שילדערונג, ווי אַזוי המן האט גיפירט מרדכ-ן רייטנדיק אויפ-ן פערד איבער די גאַסן פון שושן הבירה ווייזן דאַרויף, אַז דער מחבר האט גילעבט אין די גאַנץ אַלטע צייטן פון דער פעדאַלער ארדנונג אין דייטשלאנד. אַלנפאַלס אַסך פריער, ווי די צוויי דערמאנטע ביכלעך „מגילת אסתר" אויף עברי טייטש, וואָס זענין אַרויסגיגעבן גיווארן אין קראָקע און אַמסטערדאַם.

---

5 | אדר תרפ"ו — אדר תרצ"א | 5

גרויסע יום-טוב אויסגאבע פון

בית-יעקב-זשורנאל №67

לכבוד דעם פיניף יעריקן יובילעאום פון בנות-אגודת-ישראל גיבן מיר אַרויס

אַ פאַרגרעסערטע יו"ט אויסגאַבע פון בית-יעקב, שורנאַל №67

אַ רייכער ליטעראַרישער טייל:

— לידער, דערציילונגין, סקיצן, באַוועלן און קינצלערישע שאַפונגין —

וויסנשאַפטלעכע אַרביטן, באַלערנדע מאמרים און יו"ט-דיקע אָפהאַנדלונגין

אַ ספעציעלער טייל: וואָס איז פאַר אונדז בנות-אגודת-ישראל?

אין דער דאזיקער אָפטיילונג, וועלן איבערגעבן זייערע איינדרוקן צענדליקער בנות-פירערנס, פון גרויסע ווי פון די קלענצטע שטעטלעך, פון זייער אַרביט און טון פאַר די בנות-אידעע ווי בכלל. דערציילן די פעולות פון זייער אַרביט, אַריינצופירן די טויזנטער יידישע טעכטער אין דער בנות-מחנה. אַזוי אויך וועלן די דעלעגאַטנס פון דער ערשטער קאנפערענץ איבערגעבן זיירע איינדרוקן פון דער ערשטער קאנפערענץ.

די אַרביט פין דער בנות-צענטראַלע במשך די פיניף יאָר

(שטריכן, פאַקטן און ציפערן, אַ דאקומענט פאַר אונדזער גישיכטע)

צענדליקער אילוסטראַציע וועלן באַווייזן איז בילד,

די וויכטיקסטע גישעענישן אין דער בנות-באַוועגונג במשך די אַלע יאָרן, אַ חוץ, פאַרשידינע בילדער צו די אַלגימיינע באַשרייבונג פון יידישן לעבן אין פאַרשידינע לענדער.

פיל-פאַרביק גידרוקט, אויף פיין פאַפיר מיט אַ קינצלערישער הילע. די ייפאַכיקע צאָל זייטן מיט איין ווארט: אַ שיין אָנדענק-בוך פון אונדזער באַוועגונג!

לפי ערך דער גרויס, די צאָל זייטן און דעם ליטעראַרישן חשיבות איז דער פרייז אַ צוגענגלעכער נאר 1 גילדן מיט 50 גר.

אַ ספעציעלע הנחה פאַר קווארטל-אבאנענטן וואָס צאָלן איין דריי זל׳ אויפ-ן קווארטל ניסן—סיון ביז ר"ח ניסן — פאַר די דאזיקע אבאנענטן, ווערט דער נומער נאר גירעכנט ווי 2 גיוועגלעכע נומערן.

אין דער יום-טוב אויסגאבע קומט אויך אַ ביליקער ביכער-קופאן, אַ כך וויכטיקע ביכער צו האלבע פר"ין!

באמערקונג: מיר זענין נאר פאַראַנטווארטלעך, אויף צו קענין שיקן דעם יובילעאום נומער, פאַר די וואָס צאָלן איין ביז ר"ח ניסן פריעראויס. די וואָס וועלן איינצאָלן שפעטער, קאָן טרעפן וואָס ס'איז גיוועזן מיטן פאַראַיאָריקן יובל-נומער, דאָס זיי וועלן שוין נישט באַקומין, מחמת מיר דרוקן אַ באַגרעניצטע צאָל עקז.

געלט-שיקן: פ.ק א. 67.795

5 | גרייט אייך אומיטום צו די יובילעאום פייערונגין! | 5

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Marzec 1931
„BAJS JAKOW"

Cena 85 gr.
P.K.O. 67.795

Rok VIII zeszyt 8-9 (65-66)
Adres Red. „Bajs Jakow"
Łódź, Limanowskiego 25.
Telefon 109-77.

## מזל-טוב

א הארציקן מזל-טוב וואונשן מיר אונדזער ל. פרל. באבראווסקא (וויעלון) צו איר פארלאבונג מיט ח. צוקער (וולאצלאוועק). אייער לעבנס-וועג זאל זיין מיט רויזן באצירט און איר זאלט זוכה-זיין צו בויען אייער הויז אויף די בערג פון יהודה. גליק און צופרידנהייט זאל אייך תמיד באגלייטן עד מאה ועשרים שנה.

וולאצלאוועק — שוועסטערן מלכה און מרים פוקס. פאמיליע ליפסקער.

---

א הארציקן מזל-טוב וואונטשן מיר אונדזער ל. גיזו. בנות:פירערן פרל. באבראווסקא (וויעלון) צו איר פארלאבונג מיט ה' ש. צוקער (וולאצלאוועק, זאל אייער צוקונפט געבויט ווערן אין גייסט פון די תורה אידעאלן.

וולאצלאוועק — „בנות אגודת ישראל" סעקר. מלכה פנקס און פרוי באגוסלאווסקא

---

א הערצלעכן מזל-טוב וואונטשן מיר צו דער פארלאבונג פון אונדזער גיזו. לעררערן אסתר באבראווסקא (וויעלון) צו איר פארלאבונג מיט ה' צוקער (וולאצלאוועק). מזלה תאיר ותתרומם — און זאל אייער צוקונפט געבויט ווערן אויף די יסודות פון אונדזער הייליקן ב"י אידעאל.

וולאצלאוועק — שוועסטערן האנדעלסמאן טויבע זשימנאווארא

---

א הערצלעכן מזל-טוב וואונטשן מיר צו דער פארלאבונג פון פרל. באבראווסקא (וויעלון) מיט ה' צוקער (וולאצלאוועק) „זאל דער אלמעכטיקער אייער עתיד באגליקן מיט א שטענדיקער צופרידנהייט.

וולאצלאוועק — פרויען-פארוואלטונג פון בית יעקב

---

א הערצלעכן מזל-טוב וואונטשן מיר די פרל. באבראווסקא (וויעלון) צו איר פארלאבונג מיט אונדזער ליבן קוזין ש. צוקער (וולאצלאוועק). אייער צוקונפט זאל זיין געבענטשט פון השי"ת און אייער מזל זאל שיינען ווי די אויפגייענדע זון.

וולאצלאוועק — לאה סאלניק חי' סאלניק

---

א הארציקן מזל-טוב וואונטש איך מיין טייערע פריינדין אסתר באבראווסקא (וויעלון) צו איר תנאים מיט ה' צוקער (וולאצלאוועק. אייער נייער לעבנס וועג זאל מיט רויזן באצירט זיין. גליק און צופרידנהייט זאל אייך תמיד באגלייטן.

טאמאשאוו-מאז. — שבע הערשקאוויטש

---

א הערצלעכן מזל-טוב וואונטש, מיר אונדזער ל. קוזינע רבקה-לע מארקוס (סלאווקאוו) צו איר פארלאבונג מיט ה' אברהם זינגער. גליק און צופרידנהייט זאלן אייערע באגלייטער זיין, איר זאלט זוכה זיין בויען אייער צוקונפט אויפ'ן יסוד פון תורה ודת.

בעלכאטאוו — פאמיליע מארקוס

---

פון טיפן הארצן וואונטש איך א מזל-טוב מיין ל. קוזינע מאלעווייקא (דווארט צו איר תנאים מיט ה' מאיר קאמפעל (פיסשיניעץ). אייביקע צופרידנהייט זאל אייך תמיד באגלייטן.

זד-וואלא — פעסא פריימאן

---

מזל-טוב לכבית לרגלי נשואי רעותי הנכבדות שושנה שפירא את מר רובין (ורשה), יוסף דעגאן את צבי' בעזען (קאזאווא) ואסתר נייפלד (פיאכצנה) לבבואה בברית האירוסין הנני מאחלת ששלש אלה ילוו אותם תמיד בחייב: שלום, עושר, ואשר ויתענגו בסובם ל הרי יוודה.

פיאסצנה — צבי' טייטלבוים

---

ברכת מזל-טוב חמה ונלבבית מברכת אני לחברתי מרת ריינל שאפירא (ורשה) לחתונתה.

ורשה, שבט. — שושנה בוכמן

---

ברכת מזל-טוב חמה ונלבבת הנני מברכת את חברתי האהובה לי מרת ריינל שפירא ליום כלולותי' את מר רובין נ"י.
יהי רצון שתזכו לבנות את ביתכם על יסודות התורה, האמונה והצלחה.

סוכטשב — חברתך מלכה קוסנר

---

דעם הארציקסטן מזל-טוב וואונטשן מיר הרבנית ריינל שפירא צו איר חתונה מיט הרב רובין איר זאלט בויען אייער עתיד, מיט דער ברכה, וואס רוט אויף דער בית-יעקב ארבעט!

גער — „בנות אגודת ישראל" בתיה-פארבאנד לער. מרים גרינבערג

---

מיין הארציקסטן מזל-טוב צו דער פארלאבונג פון פרל. אסתר באבראווסקא מיט ה' שמעון צוקער. זאל השי"ת א ערע אלע וואונטשן ערפילן עד בלי די.

חיי דארעמבוס

---

צו דער פארלאבונג פון אונדזער חשוב-ער לערערן פרל. באבראווסקא (וויעלון) מיט ה' צוקער וולאצלאוועק, וואונטשן מיר א הארציק מזל טוב א גליקלעכע צוקונפט.

וולאצלאוועק — שילערנ: מ. גרינבערג, ל. ערליך, מ. צאלא, פ. פלאקסער דארעמבוס ר. סאלניק, דאנציגער.

---

א הערצלעכן מזל-טוב וואונטשן מיר אונדזער חשובער חברה רחל שאלדאיעווסקא צו איר חתונה. אייער וועג זאל זיין מיט רויזן באצירט און פיר ווייטער דיין טיכטיקער ארבעט פאר אונדזער א דעאל.

לאדזש — בנות-חברות לאה ברויער און שוועסטערן שפירא

---

## א ברכה-פולן מזל טוב

וואונטשן מיר אונדזער'ע חשובע אידעאלע עסקנות, די איבערגעגעבענע צו אונדזער הייליקן רעיון

רחל שאלדאיעווסקא לאדזש

צו איר חתונה מיט ה'

יהודה קאפלאוויטש בענדין

אסתר באבראווסקא וויעלון

(לערערן אין טאמאשאוו-מאז.)

צו איר תנאים שרייבן מיט ה'

שמעון צוקער וולאצלאוועק

אויף אייער נייעם לעבנס-וועג, זאל אייך תמיד היטן דער וואס וואכט איבער אונדזער פאלק ישראל און אין אייער לעבן, זאל אטימען דער אלט-נייער גייסט פון בית יעקב און בנות אגודת ישראל.

רעדאקציע בית-יעקב-זשורנאל לאדזש — צענטראלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילן

---

## א הארציקן מזל טוב

אונדזער ליבער חברה און ערליך-געטרייער מיטארבעטערן ביים אויפבוי און אנטוויקלונג פון אונדזער לאדזשער בנות

רחל שאלדאיעווסקא

צו איר חתונה מיט ה'

יהודה קאפלאוויטש בענדין

וואונטשט מזל-טוב, א סך גליק און אייביקע צופרידנהייט

פארוואלטונג פון „בנות אגודת ישראל" אין לאדזש

---

צו דער חתונה פון אונדזער חשובער חברה רחל שאלדא-יעווסקא מיט ה' קאפלאוויטש וואונטשן א הארציקן מזל טוב און א סך גליק

לאדזש — בנות-חברות פרידריך, פרענקל און גאלדבערג

---

טיפסטן האַרצן דרוקן מיר אויס אונדזער שמערצלעכסטן מיטגעפיל דער ערציערן פון אונדזער אפטיילונג פרל.

אסתר גאלדשטאף תחי

צום טויט פון איר געליבטער מ ו ט ע ר ע"ה. זאל זי אין איר ערציערישער ארבעט געפינען טרייסט און גליק.

פיפטע אפטיילונג פון דער ווארשאווער בית יעקב שול טווארדא 35

---

טיף גערירט כוחים צער פון אונדזער ליבער לערערין פרל.

אסתר גאלדשטאף שתחי

צוליבן טויט פון איר געליבטער מ ו ט ע ר ע"ה דרוקן מיר אויס אונדזער ווארימסטן מיטגעפיל.

זאל זי אין איר הייליקער ארבעט זיין געטרייסט און מער נישט וויסן פון קיין צער.

דריטע, פערדע, זעקסטע און זיבעטע אפ-טיילונג פון דער ב"י שול אין ווארשע טווארדא 35

---

די רעדאקציע איז אפן יעדן טאג פון 11—4 נאכמיטאג — נישט באשטעלטע מאנוסקריפטן ווערן נישט צוריק געשיקט — ביים פארלאנגען ענטפער מוז זיין בייגעלייגט א פאסט-מארקע — אנאנסן, וואס ווערן נישט באצאלט פריערדיגס ווערן נישט געדרוקט און ס-ווערט נישט אפגעענטפערט אויף אזעלכע פרעטענציעס. בעריכטן פון די שטעט וואו ס'איז נישטא שטענדיקע 10 אבאנענטן ווערן נישט געדרוקט.

Red. Luzer Gerszon Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד לאדז, קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50